NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08438

YOSELES SHTIFERAYEN

Zelik Mazur

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זעליק מאַזור

קינדער־מעשהלעך

★

הילע און צייכענונגען פון
חיים סאָקאָלאָווסקי

★

אַרגענטינע
1947

IMPRESO EN ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

Ioseles Schtiferaien

(las travesuras de Josecito)

CUENTOS PARA NIÑOS

—de—

ZELIK MAZUR

BUENOS AIRES
República Argentina



אין שול

אַנהייב שול־יאָר

די מעשות וואָס איך גיי אייך דערציילן איז פון מיינעם אַ חבר. יאָסעלע הייסט ער און איז קוים 9 יאָר אַלט. דאָס פּנים ביי אים איז קיילעכיק ווי אַן עפּל. ער האָט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, וואָס איז קיינמאָל נישט פאַרקעמט, מיט אַ פּאָר קעצישע אויגן.

יאָסעלע איז אַן אומרו. אַלעמאָל זוכט ער אויס שפּיצלעך, אַבי פּטור צו ווערן פון לערנען.

— ★ —

כ׳האָב זיך מיט אים באַקענט דעם ערשטן טאָג, ווען כ׳בין געקומען אין שול. אַזוי זיינען מיר שוין פאַר־בליבן חברים ביז ענדע יאָר.

אין שול האָט אים געבראַכט זיין מאַמע און אים

געשלעפּט בײַ אַן אויער.

— זאָלסט זיך גוט לערנען מײַן קינד! — האָט אים זײַן מאַ-מע אָנגעזאָגט און איז אַוועק.

יאָסעלע האָט באַטראַכט די שול, דעם שול - הויף און עפּעס אַן אומרו האָב איך אין אים דערזען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זײַטן אַ פּאַטש געטאָן מיט בײדע הענט און אַ ווילדן שפּרונג גע-טאָן. ער איז באַלד אומגעלאָפן איבערן שול-הויף און אָנגע-הויבן וואַרפן שטיינער אויף די פייגלשע נעסטן, וואָס זײַנען געווען אונטערן דאַך פון דער שול-געבײדע.

אויפן צווייטן זײַט פון שול-הויף איז בײַם שכן געווען אַ טויבן-שלאַק און טויבן זײַנען

הין און קריק געפלויגן איבערן הימל.

יאָסעלע איז אַריבערגעקראָכן דעם פּלויט און אָנגע-הויבן קלעטערן צום שכנס טויבן-שלאק. אַ הונט, וואָס איז געשטאַנען צוגעבונדן צו אַ קייט האָט שטאַרק אָנגע-הויבן בילן אויף אים. יאָסעלע האָט אויף אים אַ וואָרף געטאָן אַ שטיין. דער הונט האָט זיך נאָך מער צעבילט. און אָט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער הונט רייסט זיך אָפּ פון דער קייט און וויל אים צעבייסן. כ'האָב אָנ-געהויבן שרייען צו יאָסעלען:

— גיך, אַנטלויף, דער הונט וועט דיר צעבייסן!

יאָסעלע האָט זיך אומגעקוקט און מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען אין שול-הויף. ער איז צו צו מיר און געזאָגט:

— ביסט אַ ווילער יאַט, לאָמיר זיין חברים, איך הייס יאָסעלע.

דאָס גלעקל האָט געגעבן אַ קלונג און פריילעכע, לוסטיקע זיינען מיר אַריין אין שול.

עס איז געווען דער ערשטער טאָג פון נייעם לערן-יאָר.

איך האָב זיך געזעצט אויף דער דריטער באַנק און

געזוכט דעם נייעם חבר יאָסעלען, ער זאָל זיך זעצן נעבן מיר, אָבער ער איז ניט געווען אין קלאַס. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך האָב נאָך אים געבענקט.

ווען דער גאַנצער גראַד איז שוין געווען אויסגע-זעצט און דער לערער האָט געפירט די לעקציע, איז יאָסעלע שטיל אַריין און זיך געזעצט אויף דער לעצטער באַנק.

דער לערער האָט אונדז אָנגעהויבן אויספרעגן ווי מיר האָבן פאַרבראַכט די וואַקאַציעס און אַנדערע זאַכן. מיר זיינען אַזוי געזעסן און יעדערער האָט דער-ציילט עפּעס אַנדערש. מיט אַמאָל אַ טויב פליט אַרום אין צימער. מיר האָבן אַלע אָנגעהויבן קוקן צו דער טויב. דער לערער אויך.

ווער האָט געבראַכט אַ טויב אין קלאַס?! — האָט דער לערער אַ געשריי געטאָן.

קיינער האָט נישט געענטפערט.

די טויב האָט זיך אומגעקוקט דערשראָקן, געפלויגן אַהער, אַהין, זיך אָנגעקלאַפּט אָן וואַנט, נאָר אַזוי ווי דער פענצטער איז פונקט געווען אָפן איז די טויב אַרויס-געפלויגן. יאָסעלע איז גיך אַרויסגעשפרונגען פון באַנק

און געוואָלט כאַפּן די טויב, אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט. די טויב האָט שוין געשוועבט אין דער לופטן, אונטערן פרייען הימל.

דער לערער האָט זיך צעשריגן:

— אַהאַ, אַ נייער שילער און שוין ברענגסטו דעם ערשטן טאָג אין קלאַס טויבן! געדענק אַז אין שול קומט מען לערנען און ניט ווערן אַ טויבן-יאָגער! דאָס מאָל שענק איך דיר, אַ צווייטן מאָל וועל איך דיר באַשטראָפן!

ס'איז געוואָרן שטיל און דער לערער האָט ווייטער געפירט די לעקציע. די גאַנצע צייט האָב איך ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון יאָסעלען, אַ מאָדנער און דאָך האָב איך אים ליב באַקומען.

אויף דער פּויזע בין איך צו צו אים און געפרעגט:

— וווּ האָסטו אַזוי גיך געקראָגן אַ טויב?

— אויב דו ווילסט, קען איך כאַפּן נאָך און איינע דיר אויך געבן, — האָט יאָסעלע געענטפערט.

אָט אַזוי האָב איך זיך באַקאַנט מיטן נייעם חבר יאָסעלע און שוין פאַרבליבן חבר ביז ענדע שול-יאָר.

אין די ווייטערדיקע מעשהלעך דערצייל איך אייך נאָך שטיפערייען פון מיין חבר יאָסעלען.

דאָס מײַזעלע

אויף דער לעקציע איז געווען זייער שטיל, אַלע קינדער האָבן זיך צוגעהערט צום לערערס רייד. פּלוצים, אַ מײַזעלע איז דורכגעלאָפן איבערן קלאַס. נו, נו, נו, האָט זיך עס אַביסל אָפּגעטאָן!

אַנו טרעפט, ווער איז דער ערשטער געלאָפן כאַפּן דאָס מײַזעלע?

פאַרשטייט זיך, אַז מײַן חבר יאָסעלע. ער איז געוואָרן ווילד, אָנגעהויבן לויפן און טאַנצן און הירזשען.

— מיס, מיס! — קום גיך, אָט דאָ איז זי! — האָט מײַן חבר יאָסעלע געשריגן צולויפנדיק צו אַ לאָך ווו דאָס מײַזעלע איז אַרײַן.

קיין קאַץ איז אין קלאַס נישט געווען.

דער לערער האָט געהייסן צוריק פאַרנעמען די ערטער. אָבער יאָסעלע האָט נישט געוואָלט וויסן דערפון.

— די קאַץ! וווּ איז די קאַץ! איך וועל אומברענגען אַלע מייז! — האָט יאָסעלע געהאַלטן אין איין שרייען.

מיט אַמאָל, אין גאַנצן טומל, איז יאָסעלע נעלם געוואָרן.

די קינדער האָבן זיך צוריק אויסגעזעצט אויף די ערטער און דער לערער האָט ווייטער געפירט די לעקציע.

איך קוק מיך אום און זוך מיין חבר יאָסעלען, אָבער אומזיסט, מען זעט אים ניט. זיין פּלאַץ איז ליי־דיק. ס׳הייבט מיר אָן קלאַפּן דאָס האַרץ. איך פאַרשטיי אַז דאָ מוז עפּעס געשען. מיין חבר יאָסעלע זוכט דאָך שפּיצלעך אַבי פּטור צו ווערן פון לערנען.

אין מיטן טראַכטן אַזוי — בומץ! — די טיר פון קלאַס צעעפנט זיך מיט אַן אַליאַרם. מיין חבר יאָסעלע

לויפֿט אַריין אַ פֿאַרשוויצטער און גיט אַ לאָז אַרויס פֿון זאַק צוויי קעץ: אַ ווייסע און אַ שוואַרצע.

די קעץ האָבן אָנגעהויבן לויפֿן איבערן קלאַס.

— ניאַו! ניאַו! ניאַו!...

— לערער! זעט נאָר וואָס יאָסעלע האָט געבראַכט!

— האָבן די קינדער געשריגן.

— איצט וועט שוין קיין איין מויז ניט בלייבן. — זאָגט יאָסעלע מיט אַ שמחה.

— ווער האָט דיר געהייסן ברענגען קעץ? — האָט דער לערער געשריגן צו יאָסעלען.

יאָסעלע הערט נישט, ער איז פֿאַרטאָן מיט די קעץ און רופֿט זיי צום לאָך כאַפּן דאָס מייזעלע.

— דו האָסט געזען אַ יונג. קיין קאָפּ שכל האָט דאָס ניט. ס'איז אַרויס אַ נאַריש מייזעלע. זע נאָר סאַראַ וועזן ער מאַכט דאָס און ברענגט אַראָפּ צוויי קעץ. איר'ט גע-הערט אַן איינפֿאַל. צוויי קעץ קעגן איין מייזעלע.

— איר פֿאַרשטייט לערער — גיט יאָסעלע דעם לערער צו דערקלערן — פֿון איין מויז קענען ווערן אַ סך מייזעלעך און מע טאָר ניט דערלאָזן זיי זאָלן זיך פֿאַר-מערן, אַ ניט וועלן דאָ ווערן מער מייז ווי שילער.

דער לערער קוקט אויף יאָסעלען, שמייכלט און באַדויערט אים:

יאָסעלע, יאָסעלע! וואָס וועט זיין פון דיר. ווען וועט פון דיר ווערן אַ לייט?

דאָס הינטעלע

אנומלטן, גייט אדורך מיין חבר יאָסעלע נעבן זייער שכן און זעט ווי גאַספּאַר שפּילט זיך מיט אַ קליין הינטעלע. ס'איז אים זייער געפעלן געוואָרן.

— גאַספּאַר — פרעגט ער אים — ווו האָסטו געקריגן אַזאַ מין שיינעם הונט?

(אַלץ וואָס מיין חבר יאָסעלען געפעלט, האָט ער ליב צו מאַכן גרויס).

גאַספּאַר ווערט ביי זיך גרויס און זאָגט יאָסעלען:

— ניט קיין הונט, נאָר אַ הינטעלע, כ'האָב נאָך דריי אַזעלכע הינטעלעך.

— סאַראַ שיין הינטעלע! — האָט יאָסעלע געזאָגט, נעמענדיק אין האַנט איינס.

— לאָז אַראָפּ דאָס הינטעלע, ווייל ס'קען נאָך אָנ-

קומען די מאַמע-הונט, וועט זי דיר צעבייסן — האָט געזאָגט גאַספּאַר.

יאָסעלע איז אויסגעגאַנגען די אויגן נאָך אַזאַ הינטעלע. ווי שיין זיי זײַנען געלעגן צוזאַמען; איינס אַ געלינקער מיט ווייסע פלעקן, איינס אַ ווייסער מיט שוואַרצע פּיסלעך און איינס אַ ראַבינקער.

— גאַספּאַר, שענק מיר אַ הינטעלע! ווען עס וועט זיך אָפּקעצלען אונדזער קאַץ, וועל איך דיר אַוועקשענקען אַ קעצעלע — האָט געזאָגט יאָסעלע.

— אָבער ס'זאָל זײַן אַ ווייסע מיט שוואַרצע פּיסלעך.

— וועלכע דו ווילסט נאַר.

יאָסעלע האָט אַ נעם געטאָן אַ ראַבן הינטעלע.

— אָט דער איז פון דער וואָלפן-ראַסע, גיב מיר דעם — האָט יאָסעלע זיך געווענדעט צו גאַספּאַרן.

— נעם און אַנטלויף גיך, ווייל ס'קען נאָך אָנקומען די מאַמע-הונט, וועט זי דיר צעבייסן.

יאָסעלע איז גיך אַנטלאָפן אַהיים מיטן הינטעלע.

אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען באַשעפטיקט מיטן הינטעלע; דאָ האָט ער עס געבאָדן, דאָ געגעבן טרינקען מילך, דאָ האָט ער עס צוגעבונדן מיט אַ בענדל

אַרום האַלבן אונן געשריגן:

— באָביק! קום... קום אַהער!

באָביק האָט ניט געוואָלט גיין און שטאַרק גע-קוויטשעט.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט יאָסעלע געדאַרפט גיין אין שול, איז אים געווען אַ שאָד זיך צו שיידן מיטן הינטעלע. ער האָט באַשלאָסן אים מיטצונעמען.

אין שול-הויף איז געווען אַן אָנגעלויף.

אַלע קינדער האָבן זיך דערציילט די נײַעס.

— יאָסעלע האָט געבראַכט אַ ראָבן הינטעלע.

אַלע האָבן אים באַשאָטן מיט פראַגן:

— יאָסעלע, ווו האָסטו געקריגן אַזאַ שיין הינטעלע?

— יאָסעלע, וויפל איז ער אַלט?

— יאָסעלע, ווי רופט מען אים?

— יאָסעלע, קריג מיר אויך אַזאַ.

— באָביק! — האָט יאָסעלע געשריגן צום הינטעלע — קום אַהער!...

די קינדער האָבן אים מקנא געווען.

— אַ מזל פון אַ יאַט, קריגט אַזאַ שיין הינטעלע.

דאָס גלעקל האָט געגעבן אַ קלונג, אַלע זיינען אַריין אין די קלאַסן.

יאָסעלע האָט גענומען דאָס הינטעלע אונטערן רעקל און איז אויך אַריין אין קלאַס. ער האָט דאָס הינטעלע אַריינגעטאָן אין קעסטל פון באַנק.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לערנען.

דער לערער האָט דאָס מאָל דערציילט פון די עסקימאָסן פון ווייטן קאַלטן לאַנד סיביר.

באַביק האָט זיך ניט געפילט גוט אין דער נייער דירה, ער האָט אָנגעהויבן בילן.

— ווער בילט דאָס ווי אַ הונט! — האָט דער לערער געשריגן.

קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן.

דער לערער האָט ווייטער געפירט די לעקציע.

אין אַ מינוט אַרום, דאָס הינטל בילט ווייטער.

— ווער האָט געבראַכט אַ הונט אין קלאַס? — האָט געפרעגט דער לערער.

יאָסעלע איז בלאַס און ענטפערט ניט קיין וואָרט.

— זאָל מען שוין אַרויסטראָגן דעם הונט! — האָט דער לערער באַפוילן.

ס׳איז ווייטער געוועז שטיל.

דער לערער האָט אָנגעהויבן זוכן אין די בענק.

יאָסעלע האָט געגעבן אַ לאָז אַראָפּ דאָס הינטעלע אויף דער ערד. דאָס הינטעלע האָט אָנגעהויבן לויפן איבערן קלאַס.

— סאַראַ שיין הינטעלע! ס׳איז יאָסעלעס הינטעלע! — האָבן די קינדער געשריגן.

— ווער האָט דיר דערלויבט ברענגען אין קלאַס אַ הינטעלע! — האָט דער לערער געשריגן אויף יאָסעלען.

— כ׳האָב אים ניט געהאַט ווו צו לאָזן, האָב איך אים געבראַכט אַהער — האָט זיך יאָסעלע פֿאַרענטפֿערט.

— גיך טראָג אים אַוועק אַהיים!

יאָסעלע האָט אַ כאַפּ געטאָן באַביקן און איז מיט אים אַ צופֿרידענער אַנטלאָפֿן אַהיים.



דאָס שפּיגעלע

אז מיין חבר יאָסעלע איז אַ גרויסער שטיפער, ווייסט איר שוין, און אַז איך ראַטעווע אים אַרויס פון אַלע צרות איז אייך שוין באַקאַנט פון די פריערדיקע מעשהלעך. היינט וועל איך אייך דערציילן וועגן אַ שפּיגעלע. וועגן אַן אמתדיקן שפּיגעלע.

הערט:

עס איז געווען אַ שיינער טאָג אין דרויסן. די זון האָט אַריינגעשיינט דורכן גרויסן פענצטער, וואָס אונדזער קלאַס פאַרמאָגט און געוואָרפן מיט אירע גאָלדענע שטראַלן; צום ערשטן אויף ביילקען, נאָכער אויף

גיטעלען, נאָכער אויף שלמהן. זי האָט זיך אָפּגעשפּי-גלט אין זייערע האָר און ס׳איז געוואָרן פריילעך אין קלאַס. ס׳האָט זיך געגלוסט אַ שטיף טאָן.

מיין חבר יאָסעלע איז דער ערשטער — אַוודאי שטיפן איז ער דער ערשטער. ער האָט גענומען מאַכן קונצן מיט אַ שפּיגעלע, האָט אָנגעשטעלט דאָס שפּיגעלע צו דער זון. ס׳האָט אָנגעהויבן טאַנצן אַ זון-פייגעלע אויפן וואַנט. נאָכער האָט ער גענומען דרייען מיטן שפּיגע-לע אין אַלע זייטן. צום ערשטן איז דאָס פייגעלע אַרויפ-געשפרונגען ביילקען אויפן אויג, נאָכער גיטעלען אויף דער האַנט, נאָכער איז עס אַריין צו הערשלען אין מויל (ער האָט פּונקט דעמאָלט אַ גענעץ געטאָן).

דער גאַנצער קלאַס האָט אָנגעהויבן לאַכן.

דער לערער איז געוואָרן בייז און געהייסן אַלע קינדער ווערן שטיל. אין אַ צוויי מינוט אַרום האָט מיין חבר יאָסעלע ווייטער אָנגעהויבן מאַכן קונצן מיטן שפּיגעלע אַנטקעגן דער זון. דאָס מאָל אויפן לערער.

אָט איז דאָס זון-פייגעלע געווען ביים לערער אויפן שטערן, אָט אויף דער נאָז, אָט אויפן מויל און אָט האָט דאָס זון - פייגעלע געטאַנצט דעם לערער אין די אויגן.

דער לערער איז אומגעגאַנגען בייז און געשריגן:

— ווער מאַכט עס קונצן! ווער פּראַוועט עס שטיק מיט אַ שפּיגעלע! אַהער דאָס שפּיגעלע! גיכער!...

אין קלאַס איז געוואָרן שטיל. קיין פּאַרע האָט מען פון קיינעם ניט געהערט.

דער לערער האָט אָנגעהויבן זוכן אין אַלע בענק.

איך זיץ אין שרעק און וואַרט וואָס דאָ וועט זיין.

מיט אַמאָל דערפיל איך אַ שטורך אין זייט. איך דריי זיך אוים, מיין חבר יאָסעלע שטופּט מיר אונטער דער באַנק דאָס שפּיגעלע. כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, קיין שטאַרקן חשק צו נעמען דאָס שפּיגעלע, האָב איך נישט געהאַט, מען האָט געקענט שלעכט אָפּשניידן, נאָר איך האָב ליב מיין חבר יאָסעלען, האָב איך עס גענומען. ווען דער לערער איז אַריבער יאָסעלעס באַנק,

האָב איך אים פלינק צוריקגעגעבן דאָס שפּיגעלע. דער לערער האָט ביי קיינעם נישט געפונען און ס׳איז דאָס מאָל אַריבער רואיק.





געאָגראַפיע

איך האָב זייער ליב געאָגראַפיע. דאָס איז ביי מיר די בעסטע לעקציע. מען דערוויסט זיך פון אַ סך לענדער, אינדזלען, אָקעאַנען. אַמשטאַרקסטן געפעלן מיר די באַשרייבונגען וועגן קאָלאָמבוסן, ווי ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע. מיר דוכט זיך אויס דעמאָלט, אַז איך פאָר מיט שיפן איבער ימען, אָקעאַנען און טראַכט, אַז איך אַליין בין קאָלאָמבוס.

איינמאָל ביי אַזאַ לעקציע — בום! מיין חבר יאָסעלע רעדט צו מיר.

— ליי מיר אַ זייטעלע פּאַפּיר פון דיין העפט. — זאָגט צו מיר שטילערהייד מיין חבר יאָסעלע.

איך רייס אויס אַ זייטעלע פּאַפּיר, גיב אים און הער ווייטער וואָס דער לערער דערציילט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום ווערט אַ טומל אין קלאַס, איך קוק מיך אום: מיין חבר יאָסעלע אַרבעט מעשים. דאָ לאָזט ער פליען אַ פייגעלע פון פּאַפּיר. דאָ וואַרפט ער אַ מייזעלע געמאַכט פון אַ טיכעלע. גיטעלע דער-שרעקט זיך און הייבט אָן שרייען!

— אַ מייזעלע, אַ מייזעלע, לערער!

אין קלאַס איז לעבעדיק, מיין חבר יאָסעלע זיצט, ווי גלייך ניט אים מיינט מען און מאַכט זיך פון פּאַפּיר אַ זשאַבע.

דער לערער שרייט אָן אויף אים:

— זיץ רואיק! אַ נישט וואַרף איך דיך אַרויס פון דער לעקציע!

ס׳טוט מיר שוין באַנג, וואָס כ׳האָב אים געליגן דאָס זייטעלע פּאַפּיר, צוליב מיר וועט מען אים אַרויס-וואַרפן פון קלאַס.

אָט אַזאַ איז מיין חבר יאָסעלע.

מענטשעלעך

די ערגסטע לעקציע איז ביי מיר צייכענען. איך זיץ ווי אויף שפּילקעס. אַלע מאָל קומט דער לערער מיט אַ נייס: דאָ לערנט ער מאַכן קאַטשקעלעך, דאָ הינדעלעך. עס קריכט מיר אָבער גאָרנישט אין קאָפּ אַריין און די הענט ליגן זיך נישט צו מאָלן. איך מאַך עטלעכע פּאַסיקלעך אין מיין צייכן - בלאָק און צייל די מינוטן, אַז די לעקציע זאָל זיך שוין ענדיקן.

דער לערער גייט צו מיר אַלע מאָל צו און גיט מיר צו חשק:

— פיין, פיין, זייער פיין!

ער נעמט מיטן בלייפעדער, גיט אַ שמיר אַהער, אַ שמיר אַהין און עס ווערט אַ גרויסער האָן, גרייט אַ קריי צו טאָן. דער לערער איז אַ צייכנער, אַ קינסטלער, נאָר איך האָב פיינט די לעקציע פון צייכענען.

מיין חבר יאָסעלע לעבט אויף. אַ נייע הויט גייט אויף אים אַרויף. ער פאַרזשמורעט מיט די אויגן, מעסט מיטן בלייפעדער און האַלט אין איין מאָלן. אַלע העפטן זיינען ביי אים פאַרמאָלט.

ווען דער לערער פון צייכענען קומט אַריין אויף דער לעקציע און זאָגט: — „מירן מאָלן אַ האָן", איז שוין ביי מיין חבר יאָסעלע אין צייכן-בלאָק דאָ אַ גאַנ-צער הינערשטייג. הענער און הינער און קאַטשקעס און אינדיקעס און וואָס איר ווילט.

אַמיינסטן אָבער האָט ער ליב צו מאָלן מענטשע-לעך. ווייזט דער לערער ווי מען מאָלט אַ האָן, קומט ביי אים אַרויס אַ האָן מיט אַ מענטשלעכן קאָפּ. ווייזט דער לערער ווי מען מאַכט אַ פערד, מוז ביי אים זיצן אַ מענטש אויפן פערד. ווייזט דער לערער, ווי מען מאַכט אַ הונט, מוז אים אַ קליין מיידעלע פירן פאַר אַ קייטל.

דאָס הינטעלע קען דאָך נאָך אַנטלויפן — זאָגט מיין חבר יאָסעלע — און קוועלט אַליין אָן פון זיינע איינפאַלן.

אַנומלטן, ביי אַ לעקציע פון צייכענען, האָט זיך עס אָפגעטאָן מיט מיין חבר יאָסעלע. דער גאַנצער קלאַס האָט געקאָכט.

ווען דער לערער האָט באַוויזן, ווי מען מאַכט אַ קאַטשקע, איז ביי מיין חבר יאָסעלע אַרויס אַ קאַטשקע מיט גיטעלעס קאָפּ. מער האָט מען ניט געדאַרפט, נאָר גיטעלע זאָל עס דערזען. (אַלע מאָל טשעפּעט זיך מיין חבר יאָסעלע צו גיטעלען).

צום ערשטן מאָל האָט זי געוואָלט צונעמען ביי מיין חבר יאָסעלע דעם בלאָק און אים צערייסן. מיין חבר יאָסעלע האָט ניט געוואָלט געבן. ער האָט איר אַ שטויס געטאָן מיט דער פויסט.

גיטעלע האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

— לערער, יאָסעלע האָט מיך אָפּגעמאָלט! — האָט זי געזאָגט כליפּענדיק.

דער לערער איז צו צו יאָסעלעס באַנק:

— גיב אַהער וואָס דו האָסט געמאַכט, — האָט דער לערער געזאָגט.

יאָסעלע האָט דערלאַנגט דעם לערער אַ ריין זײ־טעלע פּאַפּיר, ווו ס׳איז געווען אויסגעמאָלט נאָר אַ קאַטשקעלע.

גיטעלע האָט אָנגעהויבן שרייען:

— נישט דאָס לערער! יענץ האָט ער אונטער דער באַנק!

דער לערער האָט אַרויסגענומען פון אונטער דער באַנק אַ בויגן פּאַפּיר באַמאָלט מיט מענטשעלעך, ווו ס׳איז אויך געווען אָפּגעמאָלט גיטעלע.

דער לערער האָט דאָס באַטראַכט, אין זיך אַ שמייכל געטאָן און מיט אַ בייזער מינע זיך געווענדעט צו יאָ־סעלען:

— גיך אַרויס פון קלאַס! און קום נאָך דער לעקציע אין לערער צימער, איך דאַרף מיט דיר ריידן.

איך בין מקנא מיין חבר יאָסעלע, וואָס ער האָט זיך שוין באַפרייט פון דער נודנער לעקציע צייכענען.

פאַרוואָס קען איך ניט מאָלן קיין מענטשעלעך? מען וואָלט מיר אויך אַרויסגעוואָרפן פון קלאַס און איך וואָלט פּטור געוואָרן פון דער נודנער לעקציע צייכענען

און געקענט שפּילן אַ קאָן אין קײקעלעך מיט מײן חבר יאָסעלע.

אױף װידערזען, חבר יאָסעלע, ביזן קלונג!



דער זאַמלהעפט



בײי אונדז אין קלאַס איז דאָ אַ וואַנט-צייטונג. אַלע בעסערע זאַכן, וואָס די קינדער שרייבן אָן ווערט דאָרטן אַריינגעשריבן. שרייבט אַ קינד אָן אַ קאָמפּאָזיציע, אַ לידעלע, אַ מעשהלע, ווערט דאָס איבערגעגעבן צו אַ קאָמיסיע, וואָס מיר האָבן די

אויסגעקליבן. די קאָמיסיע באַשטייט פון אַ רעדאַק-טאָר, צוויי מיטרעדאַקטאָרן, אַ צייכענער און אַ קאַלי-גראַפיסט. דער רעדאַקטאָר מיט די צוויי מיטרעדאַק-טאָרן בעסערן אויס, גרייטן עס צו און גיבן עס איבער דעם קאַליגראַפיסט ער זאָל עס אריינשרייבן. נאָכער קומט דער צייכענער און אילוסטרירט דאָס מיט צײ-כענונגען, צוגעפּאַסטע צו דער וואַנט-צייטונג.

איינמאָל, ווען ס׳האָט זיך געענדיקט דער טער-מין פון דער רעדאַקציע קאָלעגיע, מעלדעט גיטעלע אַלע קינדער, מען זאָל בלייבן נאָך דער לעקציע וויילן אַ נייע קאָמיסיע.

אַלע קינדער זיינען געבליבן אין קלאַס. דער לע-רער איז ניט בייגעווען.

דאָס מאָל איז מיר עפּעס ניט געפעלן געוואָרן. די מיידלעך פון אונדזער קלאַס האָבן זיך געהאַלטן אין איין סודען.

מיין חבר יאָסעלע גיט אַ קלאַפּ מיט אַ ביכל אין באַנק און הייסט ווערן שטיל.

— שלאָגט פאָר אַ פאָרזיצער! — האָט יאָסעלע אויסגערופן.

— גיטעלע! — האָבן די מיידלעך געשריגן.

— יאָסעלע! — האָבן די יינגלעך געשריגן מיט אַלע כוחות, איבערשרייענדיק די מיידלעך.

מען האָט אָפּגעשטימט. אַזוי ווי די מיידלעך זיינען אין צאָל מערער, איז אַדורך גיטעלע. דאָ האָב איך געזען, אַז די יינגלעך וועלן אינגאַנצן דורכפאַלן.

גיטעלע האָט פאַרנומען דעם פאָרזיץ.

— איצט קינדער, שלאָגט פאָר קאַנדידאַטן פאַר דער קאָמיסיע — האָט גיטעלע זיך געווענדעט צו דער פאַרזאַמלונג.

כ'וועל איך קורץ דערציילן: די מיידלעך האָבן געמאַכט יד-אחת צווישן זיך און ס'איז אַדורך די גאַנצע קאָמיסיע פון מיידלעך.

חבר ייִדל האָט די שענסטע האַנטשריפט פון קלאַס, איז ער דורכגעפאַלן און ס'איז אַדורך יענטל, וואָס שרייבט מיטן לינקן הענטל — איז דאָס ניט קיין געלעכטער. אַלס צייכענער איז אַדורךביילקע, וואָס קען קיין בלייער ניט האַלטן אין האַנט. שטענדיק האָט זי אַ בלייער מיט אַן אָפּגעבראָכענעם שפּיץ און איך מוז איר פאַרשניצן מיט מיין מעסערל.

מיין חבר יאָסעלע האָט זיך געקאַכט:

— די וואַנט-צייטונג וועט זיין אויף חוזק, די קאָמי-סיע טויג ניט. מיר וועלן זיך אָפּטיילן פון אייך! — האָט געהאַלטן אין איין שרייען יאָסעלע.

— חבר, זאָל זיין רואיק! וויז ניט דיינע לאָבוסע-וואַטע שטיק, אַניט פאַרלאָזטו די פאַרזאַמלונג — האָט זיך גיטעלע צעשריגן אויף אים. זיך אָפּגערעכנט מיט אים, וואָס ער טשעפּעט זיך שטענדיק צו איר.

— יאַטן קומט! זאָלן זיי זיך האַלטן מיט דער וואַנט-צייטונג, מירן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל — האָט געשריגן צו אונדז דער חבר יאָסעלע.

מיר האָבן אַלע מיט אַמאָל פאַרלאָזן דעם קלאַס.

אין דרויסן האָבן מיר זיך באַראַטן. אַזוי ווי מיר זיי-נען געווען זיבן יינגלעך זיינען מיר אַריין אַלע אין דער קאָמיסיע. מיר האָבן זיך צעטיילט צו צענער סענ-טן. זיידל האָט געקויפט אַ גראָבן העפט פון צוויי הונ-דערט זייטן. מיר האָבן זיך באַלד גענומען צו דער אַר-בעט. איך האָב באַלד גענומען קאָרעגירן אַ זאַך (מיך האָט מען געמאַכט פאַר רעדאַקטאָר). מיין חבר יאָסע-לע האָט גענומען צייכענען דאָס שערבלאַט. דעם זאַמל-

העפט האָט מען אַ נאָמען געגעבן „שטערנדלעך". איך האָב אָנגעשריבן אַ לידעלע אויף דער ערשטער זייט.

ס'האָט זיך אַזוי געלייענט:

שטערנדלעך פינקלען,
מערן זיך אָן אַ צאָל.
זיי וועלן נאָך אויפשיינען,
אויפשיינען אַמאָל!

אין אַ וואָך אַרום, האָבן מיר שוין געהאַט אַ סך זאַכן אַריינגעשריבן, שיין אילוסטרירט די זייטן פון זאַמלהעפט. אַלע מאָל פלעגן מיר זיך רייצן מיט די מיידלעך און זיי ווייזן דעם זאַמלהעפט. אין דער צייט פון די לעקציעס זיינען מיר געווען אָפּגעטיילט פון זיי, ניט זיך געחברט און געזוכט פון זיי חוזק צו מאַכן.

איינמאָל אויף דער לעקציע פון יידיש, זאָגט גיטעלע צום לערער:

— לערער! ביז איצט האָבן מיר געשוויגן, מער שווייגן טאָר מען נישט. מיר מוזן אייך איבערגעבן, אַז די יינגלעך האָבן געמאַכט אַ זאַמלהעפט און ווילן ניט מיטאַרבעטן אין דער וואַנט-צייטונג.

— ס׳איז אַ ליגן לערער! — האָט חבר יאָסעל׳ע זיך צעשריגן — זיי האָבן אונדז אַרויסגעוואָרפן פון דער קאָמיסיע.

ס׳איז געוואָרן אַ טומל אין קלאַס. די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן קוויטשען, די יינגלעך קלאַפּן אין די בענק.

דער לערער האָט אַ געשריי געטאָן

— שטיל זאָל ווערן!

די קינדער האָבן זיך באַרואיקט.

דער לערער האָט זיך געווענדעט צו גיטעלען:

— וואָס ווילן די מיידלעך?

— מיר ווילן אַז די יינגלעך זאָלן מיטאַרבעטן אין דער וואַנט-צייטונג.

דער לערער האָט זיך געווענדעט צו יאָסעלען:

— וואָס ווילן די יינגלעך?

— מיר ווילן אַז די קאָמיסיע זאָל זיין אַ בשותּפות-דיקע און ס׳זאָלן אַריינגיין די פּעאיקסטע שילער. עס טאָר נישט זיין קיין אויסנאַם פון יינגל ביז מיידל.

דער לערער האָט געהייסן פאַרשלאָגן אַ בשות-פותדיקע קאָמיסיע:

ז ע ל י ק   מ אַ ז ו ר

איך, מיין חבר יאָסעלע און חבר זיידל זיינען אַריין צוזאַמען מיט גיטעלען, ביילקען און אסתרן.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר אויפגעגעבן אונדזער זאַמלהעפט און צוזאַמען געהאָלפן באַרייכערן און פאַרשענערן אונדזער וואַנט-צייטונג, וואָס איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַנדערע שולן.

„מאָטל פּייסי דעם חזנס“

פ'האָב איך שוין דערציילט, אַז מיין חבר יאָסעלע איז אַ גרויסער קינסטלער. ער קען שיין צייכענען. אויך איז מיין חבר יאָסעלע אַ גאַנצער אַרטיסט, אַלעמען מאַכט ער נאָך. דאָס ערשטע נעמט ער זיך צו גיטעלען.

— לערער, איך וויל גיין צום טאָוול — קרימט יאָסעלע נאָך גיטעלען.

גיטל באַקלאָגט זיך פאַרן לערער, אַז יאָסעלע מאַכט איר נאָך.

— לערער, יאָסעלע קרימט מיר נאָך — זאָגט גיטעלע מיט אַ געוויין.

יאָסעלע קרימט איר נאָך און וויינט פּונקט ווי גיטעלע. נעצט איין די שפּיץ פינגער מיט שפּייעכץ.

נעצט אונטער די אויגן, מען זאָל מיינען, אַז ער וויינט. דער גאַנצער קלאַס לאַכט אויפן קול.

גיטעלע פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט ביידע הענט און אַנטלויפט אין ווינקל פון קלאַס, קיינער זאָל זי נישט אַרויסזען.

מיין חבר יאָסעלע מאַכט נאָך נישט נאָר גיטעלען, נאָר אַלעמען — ווי יעדער רעדט, ווי יעדער גייט און ווי יעדער שטייט.

דער לערער איז זייער שטרענג צו מיין חבר יאָסע־לע. אַלעמאָל באַשטראָפט ער אים, נאָר פונדעסטוועגן ווייס איך, אַז ער האָט אים ליב.

— אַ קינד דאַרף זיין אַ שטיפער! יאָסעלע איז אַ וויל קינד! — האָב איך אונטערגעהערט ווי דער לערער האָט אַמאָל פאַרטיידיקט יאָסעלען.

איינמאָל, דאָס איז געווען פאַרן סוף לערניאָר, מיר האָבן זיך געגרייט צו אַ שול יום־טוב. דער לערער האָט פאַרטיילט ראָלן, ווער עס וועט זאָגן אַ דעקלאַמאַציע, ווער עס וועט שפּילן ראָלן אין דער קינדער פּיעסקע און אויך מיין חבר יאָ־סעלען האָט ער פאַרטיילט אַ ראָל.

דער גאַנצער קלאַס האָט דאַן געקאָכט.

— יאָסעלע וועט רעציטירן פון „מאָטל פייסי דעם חזנס״. ס׳וועט זיין אויף חוזק, ס׳וועט זיין אַ דורכפאַל — האָבן קינדער צווישן זיך גערעדט.

אויף מיין חבר יאָסעלע אָבער, איז אַרויף אַ נייע הויט. אַ קלייניקייט, ער וועט שפּילן טעאַטער, אַ וועלט מיט מענטשן וועלן קומען זען, ווי ער, יאָסעלע, שפּילט טעאַטער.

פון יענעם טאָג אָן איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדע־רער. ווו אַ פרייע מינוט, איז ער אַרומגעגאַנגען מיטן ביכל און פון דאָרטן איינגעחזרט דאָס קאַפּיטל „מיר איז גוט איך בין א יתום״ פון בוך „מאָטל פייסי דעם חזנס״ פון שלום עליכם. מיט לייב און לעבן איז ער געווען אַריינגעטאָן אין דעם. האָט אים אַ קינד געבעטן לייען אַ מעקער, האָט ער געשיקט אַרויסנעמען דעם צאַפּן פון וואסערפירערס פאַס. האָט אים אַ קינד גע־בעטן לייען אַ בלייער, איז ער אין כעס געוואָרן און אַ שטויס געטאָן פון זיך.

— יאָסעלע, וואָס ביסטו אַזאַ שלעכטער — האָבן אים די קינדער אויסגעמוסרט.

— „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום״ און טוט מיר

עפּעס. אַ יתום טאָר מען נישט שלאָגן. איך הייס שוין מער נישט יאָסעלע, איך הייס מאָטל פּייסי דעם חזנס.

אַלע קינדער האָבן פון אים געלאַכט.

— ס׳איז שוין דער אמתער „מאָטעלע״, יענער איז געווען אַ גוטער און דער שלאָגט זיך.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג. דעם שול-זאַל האָט מען באַהאָנגען מיט קאָלירטע פאָסן און אַ סך עלעקטרישע לעמפּלעך. די בינע איז געווען שיין באַ-פּוצט. אין זאַל איז געווען פריילעך. טאַטעס, מאַמעס און קינדער זיינען געקומען יום-טובדיק אָנגעטאָן. מען האָט זיך אויסגעזעצט אויף די בענק און געוואַרט עס זאָל זיך אָנהייבן דאָס קינדער - טעאַטער.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן איייניקע קינ-דער האָבן דעקלאַמירט. נאָכדעם האָט מען געמאָלדן, אַז דער שילער יאָסעלע וועט פאָרלייענען אַ קאַפּיטל פון מאָטל פּייסי דעם חזנס „מיר איז גוט איך בין אַ יתום״.

מיין חבר יאָסעלע איז געשטאַנען הינטער די קו-ליסן און געציטערט פון שרעק. ער האָט מיך צוגערופן.

— ווייסט — זאָגט ער מיר — ס׳שרעקט זיך מיר אַ

ביסל דאָס האַרץ, ווי זאָגסטו, כ׳וועל אויסנעמען?

כ׳האָב אים צוגעגעבן מוט.

— ווען אויסנעמען, דאַרפסט זיך פילן ווי ביי זיך אין קלאַס.

ס׳האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג. אין זאַל איז געוואָרן שטיל. איך האָב אים אונטערגעשטופט און געזאָגט:

— גיי אַרויס גיכער, שרעק זיך נישט.

מיין חבר יאָסעלע איז אַרויס. די ערשטע מינוט האָט ער זיך אַ ביסל געשראָקן. נאָר שפּעטער האָט ער זיך צוגעוווינט. ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער זיצט ביי זיך אין קלאַס, וואַרפט אַ מייזעלע פון אַ טי-כעלע, מאַכט פּאַפּיר-פייגעלעך, שפּילט זיך מיט אַ שפּיגעלע קעגן דער זון. רייצט זיך מיט גיטעלען, מאָלט מענטשעלעך. ער האָט זיך שפּעטער איינגעלעבט אין דער ראָל און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז מאָטל פּייסי דעם חזנס, טוט אָן אַלעמען צרות און האָט נישט קיין מורא, ווייל ער איז אַ יתום.

דער עולם האָט מיט נייגיר געהערט יאָסעלען לייע-נען און ס׳האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דאָס איז דער

אמתער מאַטל, וואָס איז געקומען און דערציילט ווי אַליין איבער די מעשה, וואָס דער גרויסער שרייבער שלום עליכם האָט וועגן אים געשריבן.

ווען יאָסעלע האָט פאַרענדיקט לייענען, האָט דער עולם שטורמיש אַפּלאָדירט. אַלע האָבן אים געדריקט די הענט.

טעאַטער מבינים האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ געבוירענער מאָטל פּייסי דעם חזנס.

פון דעמאָלט אָן האָבן אים אַלע קינדער גערופן אַנשטאָט יאָסעלע, „מאָטל פּייסי דעם חזנס". דער נאָמען איז אים שוין אַזוי פאַרבליבן.

אַ נאַרישער אײנפאַל

ס'לערנט מיט אונדז אַ נייער לערער. אַ הויכער, אַ בלאָנדער. ער טראָגט גרויסע ברילן. דער לערער איז זייער אַ שטרענגער און וויל, אַז מען זאָל זיצן זייער שטיל אויף די לעקציעס. געפעלט דאָס נישט מיין חבר יאָסעלען און טוט פונקט קאַפויער.

דער לערער הייסט זיין שטיל, שרייט יאָסעלע. דער לערער הייסט שרייבן, לייענט יאָסעלע. דער לערער הייסט זיך אויפשטעלן, וויל יאָסעלע נישט.

נו, נו! פרעגט שוין נישט וואָס עס טוט זיך אָפּ...

דער נייער לערער האָט באַלד געוואָרפן אַן אויגן אויף יאָסעלען. אַלע מאָל רופט ער אים אַרויס צום טאָוול און פאַר יאָסעלען איז עס ערגער פון אַלץ. — גיי

שטיי ביים טאָוול און טאָמער דו קענסט נישט, לאָבן די קינדער פון דיר.

אַמיינסטן וויל דער לערער וויסן צי יאָסעלע ווייסט ווו צו שטעלן אַ פונקט, אַ קאָמא, און אויסרוף-צייכן.



יאָסעלע זאָגט: אַ פונקט שטעלט מען ווען ס׳פאַר-ענדיקט זיך אַ געדאַנק. אַ קאָמא שטעלט מען ווען מען

דאַרף זיך אָפּרוען. און אַן אויסרוף-צייכן שטעלט מען ווען איינעם קוועטשט עפּעס און ער וויל אויסשרייען. אָט צום ביישפּיל: וואָס מוטשעט איר מיר, לערער!

די קינדער לאַכן פון יאָסעלעס חכמות. דער לערער איז בייז און שיקט יאָסעלען זיך זעצן.

יאָסעלע זיצט אויף שפּילקעס און שפּיצט אָן אַלע-מאָל די אויערן צי מען קלינגט נאָך נישט. ער קען זיך נישט איינהאַלטן, כאַפּט דאָס היטל און שטייט שוין ביים טיר.

— יאָסעלע, וואָס שטייסטו ביים טיר, ס'איז דאָך נאָך נישט דער קלונג? — פרעגט דער לערער יאָסעלען.

— איך דערוואַרט אים טאַקע, לערער — זאָגט יאָ-סעלע געלאַסן...

אויף די פּויזעס גייט יאָסעלע אַרום אָן אַ קאָפּ. איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוז ער זיך באַפרייען פון די לעקציעס. דער לערער געפעלט אים נישט.

יאָסעלען פאַלט איין אַ פּלאַן. ער גייט אַרויס אין הדויסן, נעמט אַ מעסערל און גיט זיך אַ שנייד אין דעם פינגער און שרייט:

— בלוט! בלוט! — כ׳האָב זיך צעשניטן דעם פינ-גער!

גיטעלע, די פאַרוואַלטערן פון דער גיבער הילף, האָט דאָס דערהערט, לויפט זי באַלד און פאַרגיסט יאָ-סעלען דעם פינגער מיט יאָדע און פאַרבאַנדאַזשירט אים מיט מאַרליע.

אויף דער לעקציע זיצט יאָסעלע און וויינט.

— וואָס וויינסטו, יאָסעלע? — פרעגט אים דער לע-רער.

— כ׳האָב זיך צעשניטן אַ פינגער, טוט מיר וויי. דערלויבט מיר גיין אַהיים, לערער.

דער לערער דערלויבט אים גיין אַהיים.

פאַרן אַרויסגיין פון קלאַס, רוימט מיר איין מיין חבר יאָסעלע אַ סוד אין אויער:

— דאָס האָב איך זיך אַליין צעשניטן דעם פינגער, כדי איך זאָל פטור ווערן פון די נודנע לעקציעס. שנייד זיך אויך איין אַ פינגער וועלן מיר שפּילן אַ קאָן אין קייקעלעך.

איך קוק מיט ביטול אויף יאָסעלען און זאָג מיט אַ חוזק-שמייכל:

— אַז מיר וועלן האָבן פאַרבאַנדאַזשירטע פינגער וועלן מיר דאָך נישט קענען שפּילן?

מיין חבר יאָסעלע וויל מיר נאָך עפּעס זאָגן, אָבער דער נייער לערער הייסט אים אַרויסגיין און פאַרמאַכן די טיר.

איך באַדויער שטאַרק מיין חבר יאָסעלען און טראַכט:

„אַן איינפאַל פון אַ יינגל, צעשניידט זיך אַ פינגער, אַבי פּטור ווערן פון די לעקציעס".

נו, זאָגט אַליין קינדער, איז עס נישט די גרעסטע נאַרישקייט. אדרבא, זייט איר קלוגע און איבערצייגט עס מיין חבר יאָסעלען!

„קוועקזילבער"

טויז עטלעכע טעג, ווי ס׳לערנט ביי
אונדז אין קלאַס אַ נייער שילער. איך
גיט אַ קוק אויף אים כאַפּט אייך אָן אַ
שרעק; ער איז אַ גרויסער, אַ גראָבער.
מיט זומער-שפּרינקעלעך אויפן פּנים.
אויף יעדן האָט ער אַ צונאָמען: מיך רופט ער דער
ישיבה-בחור, גיטלען די מענאַשקע, אויף מיין חבר יאָ-
סעלען האָט ער גאָר אַ מאָדנעם צונאָמען „קוועקזיל-
בער".

די חברה געפעלט זייער דער נאָמען און אַז מען
זיצט אויף דער לעקציע ווילט מען זיך אויף-
יאָסעלעס חשבון:

— לערער, לאָמיר לערנען פון קוועקזילבער! — זאָגט איין שילער.

יאָסעלע גיט זיך אַ הייב פון אָרט.

— אַ מאָדנע זאַך, קוועקזילבער רוט נישט. ווי מען דערמאָנט עס, הייבט עס אָן אַרומטאַנצן. — זאָגט אַ צווייטער שילער.

דער נייער שילער, דער וואָס האָט יאָסעלען געגעבן דעם צונאָמען, ווערט צעזעצט פון געלעכטער (נישט אומזיסט איז ער גראָב, אַז ער לאַכט אַזויפיל).

איינמאָל ברענגט דער נייער שילער אין אַ פּושקע-לע אַביסעלע קוועקזילבער. ער לויפט אַרום אין קלאַס מיט אַ גדולה און שרייט צו אַלע קינדער:

— ווער וויל זען ווי קוועקזילבער הייבט אָן אַרומ-לויפן!

די קינדער זיינען געוואָרן נייגעריק און זיך אַרומגע-שטעלט אַרום גראָבן יאַט.

דער נייער שילער האָט אויסגעשאָטן אַביסעלע אויף דער פּאָל. די קוועקזילבער האָט זיך גענומען קייקלען אין קליינע קייקעלעך.

מיין חבר יאָסעלע איז געוואָרן אויסער זיך. דאָס פּנים ביי אים האָט געפלאַמט. ער האָט נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטאָן פון חרפה.

ער איז צו צום גראָבן יאַט מיט די זומער-שפּרינג-קעלעך אויפן פּנים:

— פון וועמען מאַכסטו חוזק גראָבע פּאָס!

אַלע קינדער האָבן זיך אָפּגערוקט און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין.

יאָסעלע האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אויפן גראָבן יאַט און אים אַ שטאַרקן זעץ געטאָן מיטן פויסט.

דער גראָבער יאַט מיט די זומער-שפּרינקעלעך האָט זיך געגעבן אַ דריי און אַנידערגעפאַלן.

— ווער איז קוועקזילבער? — האָט יאָסעלע גע-פרעגט זיגעריש, — ווער קייקלט זיך?

מיר האָבן געזען אַז דאָ וועט שוין קיין גוטס נישט אַרויסקומען, האָבן מיר זיי צעריסן און נישט געלאָזט זיך שלאָגן.

פון דעמאָלט אָן איז געוואָרן אוים מיט די צונעמען. מיך האָט מען שוין נישט גערופן ישיבה-בחור, גיטלען

האָט מען נישט גערופן מענאַשקע און דער נייער שי-
לער, דער גראָבער מיט די זומער-שפּרינקעלעך איז
געוואָרן דער בעסטער חבר מיט יאָסעלען.

לאַכן איז געזונט

אײנמאָל אין וואָך האָבן מיר גימנאַסטישע איבונגען. דער גאַנצער גראַד טוט זיך אָן לייכטע קאָסטיומען, ס׳קומט דער לערער און לערנט אונדז.

— אכטונג! — מאַכט דער לערער.

מיר שטעלן זיך אויס גלייך.

— לינקס קער!

— רעכטס אַהער!

— מיט די פיס גלייך שטיין!

— מאַרש! הייבט אָן גיין!

אַזוי „מוטשעט" מען אונדז אַ שעה איינמאָל אין וואָך.

מיין חבר יאָסעלע איז דער בעסטער אויף דער לעקציע פון גימנאַסטיק. נישטאָ קיין איין איבונג ער זאָל נישט קענען מאַכן. קריכט אויף די דעכער ווי אַ קאַץ. דרייט זיך אויף אַזאַ מין סאָרט אייזן, ווי אַ וואָרעם. דער לערער איז פון אים זייער צופרידן.

איינמאָל איז דער לערער נים געקומען. ער איז געווען נישט געזונט. מיר זיינען געווען אַלע איבערגעטאָן און געוואַרט.

רופט זיך אָן יאָסעלע:

— איך וועל אייך הייגטיקס מאָל לערנען.

די קינדער האָבן צוגעשטימט.

יאָסעלע האָט אַרויסגעטראָגן פון קלאַס עטלעכע צייטונגען. זיך גענומען מאַכן היטלען פון פּאַפּיר. נאָכער האָט ער אַלעמען דערלאַנגט שטעקנס.

— מיר אַלע — האָט יאָסעלע דערקלערט — זיינען ים-פּיראַטן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ צען שיפלעך געמאַכט פון פּאַפּיר, עס אַריינגעלאָזט אין אַ גריבל מיט וואַסער, וואָס איז אויפן הויף געווען.

לאָמיר דערטרינקען די שיפן!

אַלע קינדער האָבן גענומען קלאַפּן אין וואַסער מיט די שטעקנס און זיך איינע די צווייטע אָפּגעשפּריצט.

יאָסעלע האָט געגעבן אַ קאָמאַנדעווע:

— אַלע צו מיר!

די קינדער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה.

— איצט וועלן מיר אַלע לאַכן, אונדזער באַליבטער הומאָריסט שלום עליכם האָט געזאָגט: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן”, נו קינדער גרייט זיך צו איך הייב אָן.

יאָסעלע האָט זיך אָנגעבלאָזן, געוואָרן רויט, פאַרגלאָצט מיט די אויגן. ער האָט אויסגעזען אַזוי קאָמיש, אַז אַלע קינדער האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

ווען די קינדער האָבן זיך איינגעשטילט רופט זיך אָן גיטעלע:

— קינדער, לאָמיר אַוועקגיין. דאָס איז נישט קיין לעקציע. דער לערער לערנט אונדז אַנדערש.

יאָסעלע האָט אָנגעקוקט גיטעלען. ער האָט ווײַטער זיך אָנגעבלאָזן ווי אַן אינדיק און פֿאַרביילט מיט די פויסטן.

די קינדער האָבן ווײַטער געלאַכט.

יאָסעלען איז איבערגעגאַנגען אַביסל דער כעס און ער האָט זיך אָנגערופן צו דער חברה:

— גיטעלע פֿאַרשטייט אַזוי וואָס ספּאָרט איז, ווי אַ בער טאַנצן.

רופט זיך אָן אַ צווייטער:

— אַ בער קען מען גיכער אויסלערנען טאַנצן ווי גיטעלען.

די קינדער האָבן אַ ליאַדע וואָס געלאַכט.

רופט זיך אָפּ אַ דריטער:

— ווער איז פֿלינקער פֿון אַ פֿויגל?

ענטפֿערט אַ פֿערטער:

— די אויג פֿון גיטעלען.

אַזוי האָט מען זיך אָפּגעשפּילט און אָנגעלאַכט די גאַנצע שעה ביז מען האָט דערהערט ווי ס'קלינגט דאָס גלעקל און מיר זײַנען אַרײַן אויף דער לעקציע פֿון ייִדיש.

ביז הײַנט ליגט מיר נאָך אין זכרון יענע לעקציע און ווען איך דערמאָן מיך, לאַך איך נאָך הײַנט.

זאָל לעבן „באָקאַ זשוניאָרס“!

פון אַלע מיינע חברים איז יאָסעלע דער בעסטער פוטבאָל-שפּילער. איך גייט אַמאָל אין גאַס און טרעפט אַ פוטבאָל-שפּילער זאָלט איר זיין זיכער אַז ס׳איז יאָסעלע. מען קען אים לייכט דערקענען. ער האָט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר און זומער-שפּרינקעלעך אויפן פּנים. אַנומלטן לאַך איך פון אים:

— יאָסעלע — זאָג איך — וואָס וואַשסטו זיך נישט אָפּ דיין פּנים, ער איז דאָך פאַראומריינִיקט פון פליגן...

יאָסעלע פאַרשטייט דעם וויץ און צעשמייכלט זיך מיט אַזעלכע גוטע אויגן. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת אַז כ׳האָב אים זייער ליב מיין חבר יאָסעלע.

ביי אונדז אין קלאַס קענט איר יאָסעלען טרעפן מער שפּילנדיק אין פּילקע ווי אויף די לעקציעס. קיין גרויסער איבערקלייבער איז ער נישט; איז דאָ אַ גרויסע פּילקע איז גוט, אַ קליין גומענע פּילקע איז אויך רעכט. יאָסעלע גיט זיך שוין אַן עצה, ער דרייט אויף אפילו אַ פּילקע פון שמאַטעס.

ווו אַ פרייע מינוט טרעניגרט ער זיך מיט דער פּילקע. טאָמער וויל ביי אים עמיץ אַרויסרייסן די פּילקע איז הימל עפן זיך, ער דרייט זי אַזוי קונציק, אַז יענער בלייבט מיט דער נאָז און יאָסעלע מיט דער פּילקע.

מיין חבר יאָסעלע קען אַלע באַרימטע פוטבאָליסטן פון דער וועלט. נישטאָ קיין צייטונג אָדער זשורנאַל וואָס שרייבט פון פוטבאָל, מיין חבר יאָסעלע זאָל עס נישט לייענען מיט אַפּעטיט. איר פרעגט ווו נעמט ער זיי? פאַרלאָזט זיך שוין אויף יאָסעלען, ער קריגט זיי.

אַנומלטן האָב איך זיך געוואָלט אַ רייץ טאָן מיט יאָ-סעלען און איך גיב אים אַזוי אַ פרעג:

— זאָג מיר נאָר יאָסעלע, וועלכע „דרו־זשינע״ איז די בעסטע אין אַרגענטינע?

יאָסעלע קוקט מיך אָן און צעלאַכט זיך.

— אָט אַ לע־מעשקע, דו ווייסט עס ניט אַז „באָקאַ״. די איבעריקע „דרוזשינעס״ זיינען ווערט אַ שושקע פול־ווער.

איך זע אַז ער איז אַ חסיד פון „באָקאַ זשו

ניאָרס״. נעם איך אים אויפן צימבל:

— „ריווער״איז אַ סך בעסער ווי „באָקאַ״. די לעצטע עטלעכע יאָר ווער געווינט?

איך האָב מיין חבר יאָסעלען אָנגעטראָפן אויף דער „נאַגניאָטקע״. ער האָט אָנגעבלאָזן אַ פּאָר באַקן, איז רויט געוואָרן ווי אַ בוראַק, אָנגעשטעלט אַ פּאָר פויסטן צום באָקסירן.

— זעסט — זאָגט ער צו מיר — באַלד וועל איך דיר איבערצייגן ווער ס׳איז שטאַרקער, „באָקאַ״ צי „ריווער״?

איך זע אַז יאָסעלע איז שטאַרק ערנסט און מען טאָר נישט שפּילן אויף זיינע „פּאַטריאָטישע״ געפילן, און מיר קענען נאָך ווערן ברוגז, גיב איך אַ זאָג:

— יאָסעלע, כ׳האָב געמאַכט אַ שפּאַס, איך בין אויך פון „באָקאַ״, כ׳האָב נאָר געוואָלט זען צי דו ביסט מיטן גאַנצן האַרצן אַ „באָקענסע״.

מיין חבר יאָסעלע האָט מיר אַרומגעכאַפּט און מיך געוואָלט קושן.

— קום לאָמיר גייַן אין קינאָ. איך צאָל. מיר „באָקיסטן״ וועלן די איבעריקע אָפּראָמען פון דער מאַפּע. זאָל לעבן „באָקאַ זשוניאָרס״!

אַ צעבראָכענע שויב

איך האָב איך שוין דערציילט, אַז טאָג און נאַכט איז יאָסעלע מיט דער פּילקע.

איינמאָל אויף אַ לעקציע גיט מיר אַ אַ שטורך אין פּלייצע יאָסעלע. איך דריי מיך אויס, יאָסעלע רעדט צו מיר:

— „אַמיגאָ באָקענסע” — די לעקציע איז נודנע, לאָמיר נאָר אַ שפּיל טאָן אַביסל.

— וועסט צעברעכן אַ שויב און מען וועט דיר אויסשליסן פון קלאַס — וואָרן איך מיין חבר יאָסעלען.

— ביסט אַ טרוס — זאָגט יאָסעלע — מיר „באָקיס-טן” האָבן פאַר קיינעם קיין מורא נישט. אַז מען צע-ברעכט אַ שויב וועט אַ גלעזער אַריינשטעלן אַ צווייטע.

אין אַ מינוט אַרום, איך זע, ווי מיין חבר יאָסעלע

שפּילט מיט אַ גומענער פּילקע איבערן קלאַס.

דער לערער האָט זיך אויפגערעגט.

— גיב אַהער די פּילקע און פאַרלאָז די לעקציע!

מיין חבר יאָסעלע הערט דעם לערער ווי די קאַץ און שפּילט ווייטער.

— גיב אַהער די פּילקע! — שרייט ווייטער דער לערער.

— נעמט אַרויס די פּילקע פון די פּיס, לערער — זאָגט יאָסעלע.

דער לערער גיט זיך אַ יאָג נאָך יאָסעלען און אָט האַלט ער זי שוין אין די הענט. יאָסעלע לויפט האַס־טיק צו און גיט זי אַ זעץ גלייך אין שויב אַריין. די שויב איז צעפּלויגן געוואָרן אויף פּיץ פּיצלעך.

— ביסט אויסגעשלאָסן אויף אַ וואָך צייט פון קלאַס און שיק די עלטערן! — האָט געשריגן דער לערער.

יאָסעלע איז אַרויס אַ צופרידענער פון קלאַס.

נאָך די לעקציעס גיי איך אַהיים. אינמיטן גאַס טרעף איך אָן מיין חבר יאָסעלען מיט אַ באַנדע צייטונגס־פאַרקויפער שפּילן אין פוטבאָל.

— יאָסעלע — פרעג איך אים — ביסט שוין געווען אין דער היים? עס טוט דיר באַנק וואָס מען האָט דיר אויסגעשלאָסן?

— „ענקאַנטאַדאָ דע לאַ ווידאַ" — ענטפערט ער מיט אַ געלעכטער. איך וועל גאָר אָפּלעבן.

ער לאָזט מיך איבער און יאָגט זיך אַוועק נאָך דער פילקע.

איך טראַכט: צופיל פאַרקאָכט זיין אין דער פילקע טויג נישט, מען פאַרגעסט אין לערנען און מען ווערט אַ גאַסן-יונג. אָרעמער חבר יאָסעלע!...



עקזאַמענעס

פ'האָט געפעלט אַ מאָנאַט צום ענדיקן דאָס שול-יאָר, אַלע קינדער זיינען ארומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע. יעדערער האָט זיך געפּלייסט צו לערנען בעסער. זיך מער צוהערן צו די לעקציעס. אויסנעמען בעסער ביים לערער. איך בין אויך אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט, כאָטש כ'האָב געוווּסט, אַז איך וועל „אַריבערגיין". ס'האָט מיר שטאַרק באַנק געטאָן אויף מיין חבר יאָסעלע. אַ קליינינקייט, אַ גאַנץ יאָר, אַז ער זוכט זיך אויסדרייען פון די לעקציעס. דער לערער האָט אויף אים אַ בייז האַרץ און מעג ער זיין דער בעסטער ביים עקזאַמען, וועט ער בלייבן אויף נאָך אַ יאָר. ער וועט זיך מוזן אויסלערנען זיין אַ מענטש.

מיין חבר יאָסעלע, ווי תמיד, זוכט ער אוים נייע

שפּיצלעך און פאַרשאַפט
דעם לערער עגמת-נפש
און אַרבעט.

איינמאָל פּאַק איך מיין
חבר יאָסעלע און מוסר
אים:

— יאָסעלע, דו גרייטסט
זיך צום עקזאַמען?

יאָסעלע שווייגט.

— ווייסט, אַלע קינדער
זאָגן, אַז דו וועסט בלייבן
אויף נאָך אַ יאָר.

יאָסעלע קוקט מיך אָן.
ער ווערט אביסל ערנ-
סטער. איך ווייס, אַז ער
איז מיר אַ גוטער חבר און
ער וואָלט נישט וועלן זיך
צעשיידן מיט מיר.

— איך לערן זיך נישט
ווי אַלע קינדער? — פרעגט
יאָסעלע פאַרזאָרגט.

— יאָ, דו לערנסט, אָבער דו פירסט זיך אויף שלעכט.

— וואָס פיר איך זיך אויף שלעכט. וואָס וויל־סטו; איך זאָל טאָג און נאַכט ליגן איבערן ביכל, ווען אין דרויסן שיינט די זון, ווען אַלע שפּילן זיך!

דו דאַרפסט נאָר ביי די לעקציעס זיין שטיל.

יאָסעלע טראַכט אַ ווײַלע און זאָגט:

— גוט כ׳וועל שוין זיין אַ גוטער שילער.

— ✶ —

פון יענעם שמועס איז אַריבער אַ וואָך צייט. יאָ־סעלע איז געוואָרן מער לייט. ער איז געזעסן שטיל ביי די לעקציעס און אויף אַלץ גוט געענטפערט.

איינמאָל, אויף דער לעקציע פון גראַמאַטיק, איז עס געווען, רופט אוים דער לערער יאָסעלען און זאָגט צו אים:

— הער זיך איין און זאָג מיר דערנאָך איבער:

איך רייד, דו רעדסט, ער רעדט, מיר ריידן, איר רעדט, זיי ריידן.

קענסט מיר דאָס איבערזאָגן? — פרעגט דער לע־רער יאָסעלען.

— אוודאי קאָן איך און אויב איר ווילט, איז אין צוויי ווערטער — זאָגט יאָסעלע מיט אַ גדולה.

אַלע אין קלאַס זיינען שטיל, ווי פאַר אַן עקזאַמען.

מיר הייבט אָן קלאַפּן דאָס האַרץ. כ׳פאַרשטיי, אַז יאָסעלע האָט שוין דאָ צוגעקלערט אַ שפּיצל.

— ווי אַזוי? — פרעגט דער לערער אומגעדולדיק.

— אַלע ריידן!...

אַלע קינדער האָבן אויסגעשאָסן אין אַ גרויס געלעכטער. דער לערער אויך.

ווען אין קלאַס איז שטיל געוואָרן, זאָגט דער לערער צו יאָסעלען:

— זעץ זיך צוריק אויפן אָרט און אויב דו וועסט זיך ווייטער אַזוי אויפפירן, וועסטו בלייבן אויף נאָך אַ יאָר.

איך האָב שיעור נישט אָנגעהויבן צו וויינען, ווי וועל איך זיך קענען שיידן מיט מיין חבר יאָסעלע.

יאָסעלע, ווי שטענדיק, האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק, ווי נישט אים מיינט מען.

— ✶ —

דער טאָג פון עקזאַמען איז געקומען, מיר זיינען אַלע געזעסן אין קלאַס מיט קלאַפּנדיקע הערצער. דער לערער האָט פאַרגעבן אויפגאַבן, דיקטאַטן, דערציילונגען האָבן מיר געדאַרפט אָנשרייבן. איך האָב אַלע ווײַלע געקוקט אויף יאָסעלען, גרייט געווען אים אַרויסצוהעלפן, אָבער יאָסעלע האָט פלייסיק אַליין געמאַכט און דער ערשטער דערלאַנגט דעם לערער.

נאָכן עקזאַמען בין איך צו צו יאָסעלען.

— ווייסט — זאָג איך אים — מיר שרעקט זיך, אַז דו וועסט בלייבן אויף נאָך אַ יאָר.

יאָסעלע שווייגט, ס'קלאַפּט אים אויך אין האַרצן...

אין דריי טעג אַרום זיינען מיר ווידער געקומען אַלע אין שול. ס'האָט יעדן געקלאַפּט דאָס האַרץ. אַלע האָבן דערוואַרט דעם רעזולטאַט פון די עקזאַמענעס. איך האָב געקוקט אויף יאָסעלען, יאָסעלע אויף מיר.

דאָס גלעקל קלינגט. מיר גייען אַלע אַריין אין קלאַס און זעצן זיך אויף די ערטער.

דער לערער רופט אויס:

— גיטעלע און אסתר — זיך צולערנען אויף יידיש.

יאָסעלע זאָל אַריין אין לערער צימער, איך דאַרף מיט אים ריידן.

איך בין צו צו יאָסעלען און אים געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, אויב דו וועסט בלייבן אויף נאָך אַ יאָר וועלן מיר בעטן פאַר דיר.

יאָסעלע איז אַריין אין לערער-צימער.

יאָסעלע — זאָגט דער לערער — דעם עקזאַמען האָסטו אויסגעהאַלטן, אָבער אויפגעפירט האָסטו זיך אַ גאַנץ יאָר שלעכט. געדענק, אַז אויב דו וועסט זיך ווייטער אַזוי אויפפירן, וועסטו בלייבן אויף נאָך אַ יאָר...

יאָסעלע איז אַרויסגעלאָפן אַ צופרידענער.

— איך בין אַריבער! דער לערער האָט מיר בלויז געהייסן זיך אויפפירן בעסער!

יאָסעלע האָט אַ ווילדן קוויטש געטאָן.

— קום! — שרייט יאָסעלע צו מיר — ווו איז די פּילקע, ווו איז מיין הינטעלע, מיין קעצעלע, קום! איצט זיינען מיר פריי פון לערנען, פריי פון אַלץ.

איך מיט מיין חבר יאָסעלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ גאַלאָפּ אַ היים.

וואקאציעס



די ערשטע וואָך איז מיין חבר יאָסעלע אַרומגעלאָפן ווי אַ צעחושטער, ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. די ביכער און די העפטן האָט ער אַרונטערגע-וואָרפן אונטערן שאַפע. ער איז גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, זיך מיט אַלעמען געשלאָגן, געווען ווילד ווי אַ ווילדע קאַץ.

איך פּאַק איינמאָל מיין חבר יאָסעלע און פרעג אים:

— יאָסעלע ווי פאַרברענגסטו די וואַקאַציעס?

— „אָלרייט" — זאָגט ער מיר אויף ענגליש — איצט

איז אַ לעבן; אוים לערער, אוים שול, אוים לעקציעס, מען לעבט פון די טעג.

— נו, און אויף דער „פּליאַזשע" ביסטו שוין גע-וועזן?

יאָסעלע פאַרטראַכט זיך.

— ביסט גערעכט — מאַכט ער צו מיר — אַלע פאָרן אויף דער „פּליאַזשע", נאָר איך בין דאָ. ס'מוז זיין אומעטיק אויף דער „פּליאַזשע", אַז יאָסעלע איז נישטאָ. ווי זאָגסטו? — פרעגט ער מיר.

יאָסעלע איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן, ס'איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. די אויגן האָבן ביי אים אויפגעלויכטן, זיין פּנים איז געוואָרן רויט ווי אַ בוראַק. ער האָט אַ ווילדן טאַנץ געטאָן און מיר אַ שלעפּ גע-טאָן מיט זיך.

— קום חבר לעבן — זאָגט יאָסעלע — אָט גיי איך אויפזוכן דעם באָד-קאָסטיום און טאַקע מאָרגן מאַכן מיר די ערשטע פּראָבע, מיר וועלן אַ שווים טאָן אַביסל.

איך בין אויך אַוועק אויפזוכן מיין באָד-קאָסטיום און זיך צוגעגרייט צו פאָרן מאָרגן מיט מיין חבר יאָ-סעלען זיך באָדן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט פאַרשיי־דענע חלומות, פאַרשטייט זיך, אַז וועגן דער „פּליאַ־זשע".

איין חלום וועל איך אייך דערציילן:

— איך און מיין חבר יאָסעלע פאָרן זיך באָדן. מיר שווימען ביידע. דערווייל קומט אָן אַ וואַלפיש, גרויס ווי אַ שטוב און שלינגט אונדז ביידן איין. ביים וואַלפיש אין בויך איז געווען גאַנץ באַקוועם, איך מיט יאָסעלען זיינען געגאַנגען שפּאַצירן. אויך אונדזער שכנהס קעצל איז דאָרטן געווען. מיס! — שריי איך צו איר. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. איך קוק זיך אום, אונדזער קעצל ליגט ביי מיר אויפן בעט און דרעמלט.

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג. גיך בין איך אַ־וועקגעלאָפן צו מיין חבר יאָסעלען. ער האָט שוין גע־וואַרט אויף מיר.

פריילעכע, לוסטיקע, זיינען מיר אַוועקגעפאָרן אויף דער „פּליאַזשע".

— 2 —

— קענסט שווימען? — פרעגט מיר יאָסעלע.

— אַביסל.

— און דו?

יאָסעלע צעלאַכט זיך.

— אַ שאלה צי איך קען שווימען. זעסט אָט די אַלע מענטשן, זיי מעגן זיך קומען לערנען ביי מיר.

אין איין אויגנבליק איז שוין מיין חבר יאָסעלע אַוועקגעשווומען העט ווייט...

מיין חבר יאָסעלע מאַכט פאַרשיידענע קונצן אין וואַסער, ליגט קלאַפּטער, שווימט אונטערן וואַסער און אויפן פּלייצע.

איך בין אים מקנא. ווען וועל איך שוין קענען אַזוי שווימען?

יאָסעלע לאַכט צו מיר פון וואַסער.

— קום אַביסל טיפער, האָב נישט קיין מורא!

— מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק — וואָרן איך יאָסע-לען — דער גרעסטער שווימער קען זיך נאָך דער-טרינקען.

— דער גרעסטער שווימער יאָ און איך נישט!

— פאַרוואָס?

— ווייל איך הייס יאָסעלע.

ס׳געפעלט מיר יאָסעלעס חכמה און איך צעלאַך זיך.

— אַביסל געשווומען — זאָגט צו מיר יאָסעלע — איצט לאָמיר גיין זיך אַביסל ברענען אויף דער זון.

— לאָמיר גיין, נאָר פאָרזיכטיק יאָסעלע, די זון איז אַ שטאַרק ברענענדיקע און דאָס ערשטע מאָל דאַרף מען נישט ליגן לאַנג אויף דער זון — וואָרן איך יאָ-סעלען.

— וואָס וועט מיר טאָן די זון? אַביסל אָפּסמאַליען. ס׳איז נישט געפערלעך. יאָסעלען סמאַליעט מען נישט אַזוי גיך. קענסט מיר נאָך נישט.

איך גיב מיר אַ דריי אויס, יאָסעלע ליגט שוין און ברענט זיך אויף דער זון.

די זון האָט זיך דערפרייט, צווישן אַ סך מענטשן מיט אָפּגעברענטע פּלייצעס האָט זי ערשט געפּאַקט אַ שפּאָגל נייע ווייסינקע הויט.

— אָט סאַראַ ווילער יאַט דאָס איז — האָט אים די זון צערטלעך געגלעט.

יאָסעלען האָט אָנגעהויבן אַביסל ברענען, נאָר ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. אין אַ האַלבער שעה

אַרום איז ער שוין געווען אין גאַנצן אָפּגעברענט פון דער זון.

— זעסט — מאַכט ער צו מיר — ס׳איז גאָלד מיט זילבער. אָט אַזוי ברענט מען זיך אָפּ.

איך טראַכט: ס׳וועט שוין מאָרגן זיין מיט פּאָכירן און נישט מיט גאָלד און זילבער.

איך קוק אויף יאָסעלען און באַדויער אים:

— מאָרגן וועסטו אַזוי נישט ריידן — זאָג איך צו אים, — און די נאַכט פאַרגעס פון שלאָפן.

— וויים איך וואָס — מאַכט יאָסעלע — ס׳איז באָבע-מעשות.

— לאָז זיך אָפּ פון די נאַרישקייטן, קום! לאָמיר בעסער כאַפּן אַ שווים — זאָגט יאָסעלע.

— מיר זיינען ביידע אַוועק אין טייך שווימען. איך האָב געקוקט אויף יאָסעלען און אים שטאַרק באַדויערט: אַ חבר און פאָלגט זיך נישט, ווי אַ צרה, נעמט ער עס אויף זיך, פריער אין שול און ערשט אויף דער „פּליאַזשע".

— 3 —

פון דעמאָלט אָן איז אַריבער אַ וואָך, אַז כ׳האָב

יאָסעלען נישט געזען. איך בין טאָג טעגלעך געפאָרן אויף דער „פליאַזשע". איינמאָל שווימענדיק אַזוי דער-פיל איך עמיץ גיט מיר אַ שלעפּ ביי אַ פוס. איך דריי מיך אום, יאָסעלע.

— לעבסט נאָך יאָסעלע? — פרעג איך אים.

צעלאַכט ער זיך.

— אוודאי לעב איך און וועל נאָך לעבן. מיינסט כ'האָב זיך איבערגעשראָקן פאַר דער זון. ס'איז גאָר-נישט, אַז מען ברענט זיך אָפּ באַקומט מען אַ שפּאָגל נייע הויט.

— זעסט — ווייזט ער מיר — אַ ניי הייטעלע. ס'איז גאָלד מיט זילבער.

— ס'איז אַ נייע הויט — זאָג איך — ווו האָסטו גאָלד מיט זילבער? יאָסעלע לאַכט.

— נו, קענסט שוין שווימען פליאַזשע-ליגער? מוזט שוין זיין דער בעסטער שווימער, ליגסט גאַנצע טעג אויף דער „פליאַזשע".

— דער בעסטער נישט, נאָר מען שווימט — ענט-פער איך.

— לאָמיר אַ שווים טאָן — לייגט מיר פאָר יאָסעלע.

— ס׳האָט מיר נישט געפּאַסט אָפּצוזאָגן, בין איך איינגעגאַנגען.

די ערשטע פּאָר מינוט זיינען מיר געשווומען האַס־טיק פאָראויס.

מיטאַמאָל האָב איך זיך דערפילט ווי אין אַ קלעם. דאָס וואַסער האָט מיר פון אַלע זייטן צוגעדריקט און מיט אַ גוואַלדיקע קראַפט אַראָפּגעצויגן אונטן. איך האָב מיך דערפילט מאַכטלאָז און אַ שטאַרקן קוויטש געטאָן. איך בין אַרונטער אונטערן וואַסער. נאָכהער האָט מיר דאָס וואַסער, אַ שליידער געטאָן אויף צוריק.

יאָסעלע האָט דאָס באַמערקט. פלינק ווי אַ קאַץ איז ער צו צו מיר. מיך אַ נעם געטאָן פאַר די האָר און אַ שטאַרקן שליידער געטאָן. איך בין אָפּגעשווומען אַ־ביסל. יאָסעלע האָט מיר ווייטער אַ שלעפּ געטאָן פאַר די האָר. מער געדענק איך נישט. ווען איך בין געקומען צו זיך זיינען געשטאַנען אַ סך מענטשן אַרום מיר. יאָ־סעלע, בלאַס ווי קאַלך, איז נישט אָפּגעטראָטן.

די מענטשן האָבן יאָסעלען געדריקט די הענט און אים גערימט פאַר זיין העלדישקייט.

איך האָב געקוקט אויף יאָסעלען און נישט געוווסט ווי אַזוי אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט.

מײַנע אויגן האָבן געזאָגט.

— ביסט אַ העלד, אַ גרויסער העלד, מײַן טײַערער חבר יאָסעלע, דיר בין איך אַלץ שולדיק.

— 4 —

פון דעמאָלט אָן האָט מען אונדז נישט געלאָזן זיך באָדן. ס'האָט אונדז אָבער שטאַרק געצויגן צום טײַך, זײַנען מיר אַלע טאָג געגאַנגען כאַפּן פיש.

יאָסעלע האָט מיטגעבראַכט אַ ווענטקע מיט אַ פּושקעלע ווערימלעך. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג, אויסגעצויגן די ווענטקע און געוואַרט ביז די פיש וועלן צושווימען עסן דאָס ווערימל.

די פיש האָבן געשטיפט אין וואַסער. זיי זײַנען אומ-געשוווּמען הין און קריק. צוגעשוווּמען צום ווערימל, אים געוואָלט עסן און ווײַטער אַוועקגעשוווּמען. מיט אַמאָל איז דער פּאָדים שווער געוואָרן. די ווענטקע האָט אַראָפּגעצויגן אין וואַסער.

— צי אַרויס! — האָב איך אַ געשריי געטאָן.

יאָסעלע האָט אַרויסגעצויגן די ווענטקע מיט אַ גרויסן פיש, וואָס האָט זיך נאָך געצאַפּלט.

— איי וועט מען עס מאַכן א סעודה — האָט יאָסע-לע געטאַנצט פון שמחה.

אַלע טאָג פלעגן מיר אַזוי כאַפּן אַ צוויי-דריי פיש. אַריינלייגן אין אַ קעסטעלע מיט אַ שטיקל אייז און אַוועקגעטראָגן אַ היים.



אָט אַזוי האָב איך מיט מיין חבר יאָסעלע פאַר-בראַכט די וואַקאַציעס.

איצט דאַרף מען צוריק גיין אין שול. ס'וועט זיין אַ יאָר פון אָנשטרענגונג און אַרבעט.

מיין חבר יאָסעלע קרעכצט.

— ווייסט — זאָגט ער מיר — ווען אַ גאַנץ יאָר וואָלט געווען וואַקאַציעס וואָלט נישט געווען שלעכט.

איך גלויב אים נישט. כאָטש מיין חבר יאָסעלע איז אַ שטיפער, האָט ער שטאַרק ליב דאָס לערנען און נאָך אַ זאַך האָט ער שטאַרק ליב: דאָס איז די יידישע שול.

דאָס מיידעלע יענטל, וואָס שרייבט מיטן לינקן הענטל

ביי אונדז אין קלאַס איז דאָ אַ מיידעלע הייסט זי יענטל, שרייבט זי מיטן לינ-קן הענטל. טוט זיך דאָס אָפּ אַביסל! אַלע מאָל קומט מיר אויס צו זיצן לעבן איר. שטופּט זי מיר אונטער די האַנט ביים שרייבן, ווייל איך שרייב מיט דער רעכטער און זי מיט דער לינקער האַנט.

שריי איך:

— יענטל, אפשר וועסטו אויפהערן שרייבן מיטן לינקן הענטל!

ווערט זי רויט און נעמט די פּען אין דער רעכטער האַנט.

אין צוויי מינוט אַרום פֿאַרגעסט זי ווידער און שרייבט צוריק מיט דער לינקער האַנט.

ווער איך בייז און זאָג:

— הער זיך איין יענטל, ווערסט זיך נישט אָפּגע-וווינען שרייבן מיטן לינקן הענטל, וועל איך דיר צו-בינדן די האַנט!

דערשרעקט זי זיך און הייבט אָן וויינען:

צעלאַך איך זיך אויפן קול, לאַכט מיר נאָך דער גאַנצער קלאַס...

איינמאָל רופט איך דער לערער אַרויס צום טאָוול. שריי איך:

— יענטל פאַרגעס נישט צו שרייבן מיטן רעכטן הענטל!

יענטל שטרענגט זיך אָן, נעמט דאָס שטיקל קרייט אין דער רעכטער האַנט, נאָר ווען זי דאַרף שרייבן, פאַרגעסט זי זיך און שרייבט צוריק מיט דער לינקער האַנט. קומען ביי איר אַרויס אַלע אותיות פאַרקערט.

פרעגט דער לערער:

— יענטל, ווער האָט דיך געלערנט שרייבן מיטן לינקן הענטל?

ווערט זי רויט, בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ און צע-וויינט זיך...

איינמאָל פאַלט דער לערער אויף אַ פּלאַן:

ער הייסט אַלעמען נאָכשרייבן דאָס, וואָס ער וועט שרייבן אויפן טאָוול.

ער נעמט די קרייד אין דער לינקער האַנט און שרייבט פּונקט ווי יענטל.

לאַכן מיר מיט אַ פאַרשטיקטן געלעכטער.

קען זיך יענטל נישט איינהאַלטן און לאַכט אויך.

הייבן מיר אָן שטאַרקער צו לאַכן.

דעמאָלט האָט יענטל צוגעזאָגט דעם לערער, אַז מער וועט זי שוין נישט שרייבן מיט דער לינקער האַנט.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט זיך יענטל אויסגע-לערנט שיין שרייבן מיט דער רעכטער האַנט און באַ-קומען דעם שענסטן האַנטשריפט פון קלאַס.

נאָר דער צונאָמען „יענטל מיטן לינקן הענטל" איז איר שוין פאַרבליבן.

איטשע קאָזאַק

פּיי אונדז אין קלאַס איז דאָ א ייִנגל, רופן אים אַלע איטשע קאָזאַק. פאַרשיידענע קונצן קען ער אייך ווייזן. ער גייט אויף די הענט. שטייט אויפן קאָפּ. טאַנצט און שפּרינגט ווי אַ ווילדער אָקס.

אַנומלטן כאַפּט ער צו ביי אַ קינד אַ בלייער און הייבט עס אָן דרייען מיט ביידע הענט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בלייער בייגט זיך, צום סוף האָט עס איטשע געמאַכט קונציק מיט די הענט.

דאָס קינד האָט זיך איבערגעשראָקן און אָנגע-הויבן וויינען:

— איטשע, גיב מיר אָפּ דעם בלייער! — האָט זיך

דאָס קינד געבעטן, — צעברעך אים נישט! כ׳האָב נישט קיין געלט אויף קויפן אַן אַנדערן!

אָבער איטשע צעלאַכט זיך:

— נאַ דיר אָפּ דעם בלייער: אַז איך וויל, בייג איך אים, און אַז דו ווײנסט נאַ דיר אים אָפּ אַ גאַנצן. איך בין אַ קונצנמאַכער.

איטשע זעט אַז דאָס קינד איז איבערגעשראָקן, זאָגט ער:

— זעסט בערטשיק, — איך רײס אָפּ אַ שטיקל פינגער און קלעפּ אים צו צוריק.

בערטשיק צעוויינט זיך.

— טו עס נישט! ס׳וועט דיר וויי טאָן, ס׳וועט גיין בלוט, דו וועסט שטאַרבן!

— מיר אַרט דאָס נישט. — זאָגט איטשע.

איטשע פאַרבייגט דעם גראָבן פינגער פון איין האַנט און דעם ערשטן פינגער פון דער צווייטער און ער מאַכט עס אַזוי גיך, פלינק און קונציק, אַז עס דאַכט זיך טאַקע דאָס ער רייסט אָפּ אַ שטיקל פינגער.

— זעסט, — מאַכט איטשע — אָט רייס איך אָפּ דעם פינגער און אָט האָב איך אים שוין צוריק צוגע-קלעפּט מיט שפּייעכץ...

אַז מען שמועסט אַז איטשע איז אַ קונצנמאַכער, זאָלט איר עס גלויבן.



דער ווייסער פאַרטעך

ס'האָט געפעלט אַ וואָך צייט צום אָנפאַנגען דעם נייעם שול-יאָר. ענריקע איז אומגעגאַנגען אַ פאַרדאגהטער. עפּעס אַ קלייניקייט. אַלע קינדער וועלן קומען אין שול מיט ווייסע פאַרטעכער און ער נישט.

עפּעס אַ שלימזלדיקער יאָר איז געווען דער הייניקער. אַלע יאָר פלעגט זיין טאַטע ברענגען געלט פון דער „קאַסעטשע”, דאָס יאָר נישט. אין שטוב איז געווען אומעטיק. דער טאַטע מיט דער מאַמען קריגן זיך. גאַנצע טעג קומט מען אָפּ מיט דער בלויזער מאַטע. אַלע מאָל ווערן ווייניקער הינער. ענריקע פלעגט זען העלפן מיט אַלץ. איינמאָל פלעגט ער פאַרדינען אַ פּופּציק סענט, פלעגט ער עס גלייך ברענגען אין שטוב,

איז געווען אויף מיטיק. דאָס ערגסטע, איז איצט, ווו נעמט מען אַ ווייסן פאַרטעך?

— ✡ —

די מאַמע האָט אים צוגעלאַטעט די צעריסענע הייזלעך, אים פאַרקעמט און אַוועקגעשיקט אין שול אַריין.

אין שול זיינען אַלע געקומען יום-טובדיק, אַלע אין ווייסע פאַרטעכער, בלויז ענריקע איז געגאַנגען אָן אַ ווייסן פאַרטעך.

אַן איינגעקאָרטשעטער מיט אַ געל מרה-שחורה-דיקן פּנים איז ער געשטאַנען אָן אַ זייט נישט אַנטייל גענומען אין די שפּילן פון די קינדער.

כואַניטאַ און דאָמינגאַ — צוויי שול-חברטעס — האָבן עס באַמערקט.

ריקיטאַ — אפּנים דו האָסט זיך פאַרגעסן אַז אין שול קומט מען מיט אַ ווייסן פאַרטעך — האָבן די מיידלעך צו אים געזאָגט.

ענריקע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיי גאָר-נישט געענטפערט.

דאָס שול גלעקל האָט געגעבן דעם ערשטן קלונג.

אַלע קינדער זיינען שפּרי-
נגענדיק און טאַנצנדיק
אַריין אין די קלאַסן.

ענריקע איז געשטאַ-
נען אין אַ ווינקל פון שול-
געביידע מיט אַן אַראָפּ-
געלאָזטן קאָפּ און זיך
נישט גערירט פון אָרט.

— לערערקע — האָט
כואַניטאַ געשריגן — אין
אונדזער קלאַס פעלט
ענריקע. ער שטייט אינ-
דרויסן אין אַ שול-פּאַר-
טעך. ער האָט מסתמא
ניט קיין געלט צו קויפן
„פּאָבּרעסיטאָ".

— זאָל ער אַריינגיין —
האָט געזאָגט די לערער-
קע.

ענריקע מיט אַן אַראָפּ-
געלאָזטן קאָפּ, בלאַס ווי
קאַלך איז אַריין און זיך

געזעצט אויפן לעצטן באַנק.

די לערערקע איז צו צו אים, אַ גלעט געטאָן אים איבערן קעפּל און געזאָגט.

— טרויער נישט קינד. מיר וועלן דיר קויפן אַ פּאַרטעך. ביי ענריקען האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויפן פּנים.

דעם צווייטן טאָג האָט אים די לערערקע דערלאַנגט אַ נייַ אויסגעפּרעסטן פּאַרטעך און אים געווונטשן אַ טראָג-געזונט.

ענריקע האָט האַרציק באַדאַנקט און עס גלייך אָנגעטאָן. איצט איז ער שוין גלייך מיט אַלע קינדער. ער איז געווען זייער צופרידן.

אַ היים קומענדיק, האָט אים די מאַמע באַגעגנט.

— וווּ האָסטו גענומען אַזאַ ווייסן פּאַרטעך? — האָט אים די מאַמע געפרעגט.

— די לערערקע האָט מיר געשענקט — האָט געזאָגט ענריקע מיט אַ פרייד.

די מאַמע האָט לאַנג געקוקט אויף אים און צוויי גרויסע טרערן ווי באָב, האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אויף ענריקעס קעפּל...

אַ געגנבעט ביכל

בערטשיק איז געקומען אין שול דער ערשטער. ער איז אַריין אין קלאַס, אַוועקגעלייגט דער טעקע מיט די ביכער און געוואָלט אַרויס אין שול הויף.

אויף דער לעצטער באַנק איז געלעגן אַ ביכל. בערטשיק איז צוגעגאַנגען און גענומען דאָס ביכל אין האַנט. ס'איז געווען דבורה בערמאַנס ביכל. אויף דער שערבלאַט איז געווען אָנגעשריבן איר נאָמען.

— „אַט דאָס ביכל פעלט מיר" — האָט ער געטראַכט — און קיין געלט צו קויפן האָט ער נישט. ווי גוט וואָלט אים געווען ווען ער קען קריגן אַזאַ ביכל. די אויגן האָבן געקוקט אויפן ביכל און זיין פּנים האָט געשיינט פון שמחה. ער האָט זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, קיינער איז נאָך נישט געווען.

— „זאָל איך אַוועקטראָגן אַהיים דאָס ביכל, אָדער זאָל איך אים איבערלאָזן דאָ", — צוויי געדאַנקען האָבן אים געמאַטערט און ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אַרונטערגערוקט דאָס ביכל אונטערן פּאָלע. ער איז גיך אַרויס פון קלאַס אַהיים.

אין שטוב האָט ער דאָס ביכל פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אונטערן קישן, קיינעם גאָרנית דערציילט און צוריק אַוועק אין קלאַס.

איצט איז בערטשיק געווען צופרידן. קיינער ווייס נישט, קיינער האָט אים נישט געזען. איצט וועט ער האָבן אַ ביכל צו מאַכן די לעקציעס און נישט גיין זיך בעטן ביי אַ צווייטן, מען זאָל אים טאָן אַ טובה און לייען דאָס ביכל. פונדעסטוועגן האָט אים געקלאַפּט אין האַרצן, טאָמער דערוויסט מען זיך, איז אויס ביכל און אַלע וועלן וויסן, אַז ער האָט עס געגנבעט, ס'האָט אים שוין חרטה געטאָן פאַר דער גאַנצער זאַך, נאָר פאַרפאַלן. אַלע קינדער זיינען שוין געווען אין קלאַס, און דבורה האָט שוין פון אין דער פרי אַרומגעזוכט דאָס ביכל, געפרעגט ביי די קינדער, נאָר אָן רעזולטאַט.

בערטשיק איז אַרומגעגאַנגען טרויעריק. אַלע ווײַלע

האָט ער געקוקט אויף דבורהן, געמיינט אַז זי קוקט אויף אים און וויים, אַז ער האָט איר ביכל.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, געמאַכט אַ פּנימל ווי אַן אומשולדיקער און זיך געווענדעט צו דבורהן:

— דבורה, קענסט מיר נישט לייען דיין ביכל אויף אַדורכקוקן די לעקציע?

— זע נאָר — האָט דבורה אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן צו אים — איך זוך שוין דריי שעה אַרום מיין ביכל און וויים נישט ווו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן. אפשר האָסטו אים געזען?

בערטשיק איז געוואָרן רויט.

— אַנטשולדיק חברטע דבורה, איך האָב אים נישט געזען, ווו האָסטו אים איבערגעלאָזן?

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער איז בערטשיק גיך אַוועק.

אויף די לעקציעס איז בערטשיק געזעסן שטיל, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. די גאַנצע צייט פון די לעקציעס האָט ער געטראַכט פון ביכל.

אויף דער לעקציע פון יידיש האָט דער לערער דבורהן געזאָגט זי זאָל אים לייען דאָס ביכל צום פאַר-

לייענען א מעשהלע פאַר די קינדער.

בערטשיק קוקט אויף דבורהן, אויף די קינדער, אויף דעם לערער, ס׳בייטן זיך אים די קאָלירן, ער פילט אויף זיך די גאַנצע שולד.

— דאָס ביכל איז מיר פאַרלאָרן געגאַנגען, לערער — זאָגט דבורה.

דער לערער נעמט ביי אַ צווייטן קינד אַ ביכל און פירט ווייטער די לעקציע.

בערטשיק זיצט ווי אויף שפּילקעס. ווי שווער ס׳איז אים דער הייַנטיקער טאָג. אַ זינד, אַ שווערע זינד האָט ער באַגאַנגען. דבורהס אַ ביכל האָט ער צוגענבעט.

קוים אָפּגעפּאַטערט די לעקציעס, איז בערטשיק גיך אַוועק אַהיים.

זיין קאָפּ, אויף אים, איז געווען ווי אַ שטיק שווערע בליי. וואָס מער ער האָט געוואָלט פאַרגעסן פון ביכל אַלץ מער איז דאָס אים אין קאָפּ געקראָכן.

אָט האָט זיך אים געדוכט, אַז דבורה קומט ביי אים אָפּנעמען דאָס ביכל, אַז אַלע קינדער ווייסן, אַז ער האָט עס צוגענבעט.

ביינאַכט האָט זיך אים געחלומט שווערע חלומות. ער האָט געזען פאַר זיך דעם גאַנצן קלאַס. אַלע לאַכן

פון אים, רופן אים גנב. דבורה וויל מיט אים נישט ריידן, און אָט זעט ער זיך אַרום אַ מחנה הינט. אַלע בייסן אים און די חברים לאַכן פון אים און שרייען: בייסט! בייסט! אים מעג מען בייסן, ער איז אַ גנב! מיט אַמאָל קומט אַריין זיין טאַטע מיט אַ לאַנגן פּאַס, לייגט אים אויף די קני און שלאָגט וויפל ס׳גייט נאָר אין אים אַריין. ער שרייט מיט די לעצטע כוחות צו דער מאַמען זי זאָל אים ראַטעווען און זיין מאַמע שטייט און שמייכלט צו.

— אָט אַזוי, דערלאַנג, דערלאַנג, זאָל ער וויסן!

בערטשיק האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קאָפּ ווייטיק. גיך איז ער אָן אָנבייסן אַוועק אין שול. זיין קאָפּ איז געווען געזונקען מיט שווערע מחשבות, ס׳האָט אים אויף אַלץ באַנג געטאָן.

אין שול האָט ער שוין געטראָפן דעם דירעקטאָר. בערטשיק איז מיט ציטערנדיקע טריט צוגעגאַנגען צום דירעקטאָר.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט דער דירעקטאָר געפרעגט.

בערטשיק האָט זיך ביטער צעוויינט.

— וויין נישט, קינד, — האָט אים דער דירעקטאָר געגלעט איבערן קעפּל — דערצייל...

— לערער... פאַרגיט... מיר — און ער האָט ווייטער געכליפּעט.

דער דירעקטאָר האָט צוגעוואַרט אַ ווײַלע ביז בער-טשיק האָט זיך גוט אויסגעוויינט און ער האָט ווייטער גערעדט:

— כ׳האָב געטאָן אַ שלעכטע זאַך, כ׳האָב צוגענו-מען אַ פרעמד ביכל.

בערטשיק האָט אַרויסגענומען דעם ביכל פון טע-קע און עס דערלאַנגט דעם דירעקטאָר.

— נאַט איך, לערער, ס׳איז דבורהס... כ׳וועל שוין מער אַזאַ זאַך נישט טאָן...

— גיי אין קלאַס אַרײַן, בערטשיק, ס׳וועט דיר גאָר-נישט זײַן — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט.

בערטשיק האָט אויסגעווישט די אויגן און אַרײַן אין קלאַס. אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון האַרצן. זײַן געוויסן איז ווידער געוואָרן ריין.

אויף דער לעקציע האָט דער דירעקטאָר גערעדט צו די קינדער:

— אַ מערקווירדיקע זאַך האָט פּאַסירט היינט — אַ שילער, נישט באַקלערנדיק, וואָס ער טוט, האָט גע-

וואָלט צונעמען אַ פּרעמד ביכל. נאָר זיין געוויסן האָט אים נישט געלאָזט רוען און ער האָט עס היינט אָפּגע־בראַכט צוריק און בעט מען זאָל אים אַנטשולדיקן. איך גלויב, אַז מ׳דאַרף אים אַנטשולדיקן. מיר פון אונדזער זייט וועלן זען זאָרגן, אַז אַלע קינדער זאָלן האָבן ביכלעך און במילא וועט צו דעם מער נישט קומען.

דער דירעקטאָר האָט בערטשיקן אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל און געזאָגט:

— שעם זיך נישט. מיר פאַרגיבן דיר!...

די הײם און די גאס

מענדעלע פֿאָדערט זיין לוין

איינמאָל נעמט יאָסעלע אַ קעסטל מיט אַ שיך-בערשטל, טשעפּעט צו אַ שנירל, טוט עס אָן איבערן קאָפּ און שרייט:

— „שיך פּוצן! שיך פּוצן!"

דערהערט דאָס זיין טאַטע און פרעגט:

— וויפֿל קאָסט אָפּפּוצן אַ פּאָר שיך?

— צוואַנציק סענט.

— גוט, נעם מיינע שיך, אונטערן בעט ליגן זיי.

מענדעלע נעמט אַרויס די שיך און הייבט אָן פּוצן. אַ האַלבן טאָג האָט דאָס ביי אים געדויערט. ער האָט זיך באַגאָסן מיט שוויס. צו מיטאָג צו זיינען זיי געווען פאַרטיק.

ער לויפט צו מיט אַ פרייד צום טאַטן און זאָגט:

— אַט האָסטו שוין פּאַרטיק די שיך, גיב מיר די צוואַנציק סענט, איך דאַרף קויפן בערשטלעך מיט שו-וואקס.

דער טאַטע באַקוקט די שיך און זאָגט:

— צען סענט, מער זיינען זיי נישט ווערט.

מענדעלע ווערט אין כּעס. באַפּט די שיך, לויפט אין הויף אַריין, נעמט אַ ביסל זאַמד און רייבט אָפּ דעם גאַנצן גלאַנץ. נאָכדעם לויפט ער אַריין אין שטוב און צעוויינט זיך.

— אוודאי — זאָגט די מאַמע צום טאַטן — האָסט אים צוגעזאָגט די צוואַנציק סענט, וואָס גיסטו אים נישט?

מענדעלע איז צוויי טעג געווען ברוגז מיט זיין טאַטן.

דער טאַטע האָט אים געקויפט אַ שפּילעכל און זיך געוואָלט מיט אים איבערבעטן.

מענדעלע האָט דאָס שפּילעכל גענומען, נאָר ער האָט אַלץ געמאָנט די צוואַנציק סענט — דעם לוין פֿאַר זײַן אַרבעט.

די קאַרוסעל

ראָבערטאָ איז אַן אָרעם ייִנגעלע. אַ ברוינעטער אויפֿן פּנים, מיט שוואַרצע פֿינקלדיקע אויגן. שטענדיק זעט מען אים אַרומלויפֿן הפקר איבערן שטעטל, רויכערט ציגאַרן און שפּייט דורך די ציין... קיין אייגענע צען סענט צו קויפֿן האָט ער נישט, גיט ער זיך אַן עצה. ער קלויבט צענויף שטיקלעך ציגאַרן, אַמאָל גיט אים עמיצער אַ ציגאַר פֿאַר פֿאָלגן אַגאַנג. אַזאַ איז ראָבערטאָ.

קומט אַמאָל אַדורך אין שטעטל אַ קינאָ, אַ טעאַטער, איז ער דער ערשטער צו צעטיילן די פּראָפּאַגאַנדע. ער קריגט דערפֿאַר עטלעכע צענער סענטן. און ער האָט דערווײַל די געלעגנהייט צו זיין אויף די פֿאָרשטעלונגען.

לעצטנס איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַ קאַרו-סעל.

ראָבערטאָ האָט דאָס דערזען דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן. עפּעס מאָדנע איז אים אויסגעקומען. אַ גרויסע בויד מיט אַ סך פערדלעך, קאַטשקעלעך, געגנדז און שלאַנגען. דרייט זיך אַרום אַן אַקס. אינעווייניק, שפּילט. אַ סך קינדער, האָט ער געזען, זעצן זיך אַריין אין די בענקלעך, פאָרן רייטנדיק אויף די פערד, שלאַנ-גען, געגנדז. מען שרייט, מען קוויטשעט, ס׳איז אַ לעבן דאָרט.

ראָבערטאָ איז אַלע אָוונט געקומען צו דער קאַרו-סעל, געקוקט אויף די מענטשן, אויף די קינדער, וואָס זייגען אינעווייניק געפאָרן. ער וואָלט געוואָלט מיטן גאַנצן לעבן אויך פאָרן אַביסל אויף דער קאַרוסעל. ער האָט געוואַרט אויף אַ נס, אפשר וועט אים עמיצער געבן צען סענט. אַלע אָוונט איז ער אַזוי געשטאַנען, אָבער קיינער האָט אים נישט געגעבן.

איינמאָל שטייט ער אַזוי נעבן דער קאַרוסעל. קוקט זיך איין מיט אומעטיקע אויגן, ווישט זיין נאָסן נעזל מיטן אַרבל. ער דערהערט אַ רוף פון אויפזעער פון דער קאַרוסעל:

דו, יינגל, ברענג מיר אַ פּעקל ציגאַרן. כ'וועל דיך לאָזן מאַכן אַ „וועלטע" אויף דער קאַרוסעל.

ראָבערטאָ איז בליץ שנעל צוגעלאָפן, געכאַפּט די צוואַנציק סענט און באַלד געבראַכט ציגאַרן. דער אויפזעער האָט אים געהייסן אַרויפגיין אַ פּאָר טאָן.

ראָבערטאָ איז געווען איבערגליקלעך, אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז אַלע קוקן אויף אים. ווער קען זיך גלייכן צו אים!

דער אויפזעער האָט גענומען אין האַנט אַ קיילעכיקע גאַלקע, וואָס איז אַראָפּגעהאנגען פון אַ סטויפּטשיק, אַריינגעטאָן אינעווייניק אַ רינגעלע. די קאַרוסעל האָט זיך געדרייט. דער אויפזעער האָט געמאַכט מיט דער גאַלקע צו די דורכפליענדיקע קינדער. אַלע האָבן זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצוצייסן דאָס רינגעלע, ראָבערטאָ האָט זיך אויך געצויגן. ער איז געווען פלינק ווי אַ קאַץ. צוויי מאָל האָט ער דאָס רינגעלע געהאַלטן אין האַנט און עס געמוזט אָפּלאָזן, נאָר פּלוצים, ער ווייס אַליין נישט ווי ס'איז געשען. דאָס רינגעלע איז געבליבן ביי אים אין האַנט.

ער האָט אַ הילכיקן קוויטש געטאָן.

— כ'האָב דיך געפּאַקט!

די קאַרוסעל האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַלע זיינען אַראָפּ, נאָר ראָבערטאָן האָט מען געלאָזט פאָרן נאָך אַ מאָל.

יענער אָוונט איז ביי אים געווען דער גליקלעכס־טער.



„דער פעטער שלמה“

פיוועלע איז זייער אַ גרויסער שטיפער. ווען דער טאַטע גייט אַוועק צו דער אַרבעט, קערט ער איבער די שטוב קאַ־פויער. ער שטעלט אוים אַלע שטולן אין אַ גלייכער שורה, פאַרבינדט זיי מיט אַ שנירל, זעצט זיך אויפן ערשטן שטול, הייבט אָן טרו־בען און שרייט:

— „היט זיך, אַ באַן פאָרט!“

אַ צווייט מאָל כאַפּט ער זייער קעצל, בינדט איר

צו אַ שנירל צום עק, טשעפּעט צו זייער וועגעלע און טרייבט דאָס קעצעלע אַז עס זאָל גיין ברענגען זאַמד. דאָס קעצל דערשרעקט זיך, רייסט זיך אַרויס און אַנ־טלויפט. קיוועלע יאָגט עס נאָך. דאָס קעצעלע וויל אַרויס דורכן פענצטער, צעברעכט עס אַ שויב, לויפט עס צוריק אויפן טיש און צעברעכט דאָס געפעס.

דערזעט דאָס זיין מאַמע און הייבט אָן שרייען:

— דו׳סט געזען אַ קינד! אַ מינוט רוען קען עס נישט! וואָס האָסטו צום קעצל? וואָס קערסטו איבער די וועלט! דו׳סט זיך אָוועקזעצן רואיק, אַ׳נישט רוף איך דעם דאָקטאָר!...

דערהערט קיוועלע, אַז די מאַמע וויל רופן דעם דאָקטאָר, דערשרעקט ער זיך און לויפט צו צו דער מאַמען, נעמט זי אַרום, הייבט זי אָן צו קושן און בעט זיך ביי איר:

— כ׳וועל שוין זיין אַ גוט קינד. רוף נישט דעם דאָק־טאָר. איכל דיך אַלץ פאָלגן.

— גוט, — זאָגט די מאַמע — זעץ זיך אַוועק און קיין פאַרע זאָל מען פון דיר נישט הערן.

אין צוויי מינוט אַרום פרעגט קיוועלע:

— מאַמע, ווי זעט אויס אַ דאָקטאָר?

— אַ דאָקטאָר? דאָס איז אַ בער מיט גרויסע „לאַ-פּעס״, וואָס עסט אויף אַלע שלעכטע קינדער. דאָס איז דעם „קוקוס״ אַ ברודער.

קיוועלע דערשרעקט זיך, און זאָגט:

— איך וועל שטענדיק זיין אַ גוט קינד, וועט מיך דער בער נישט אויפעסן? — זאָג דעם בער מיטן „קו-קו״, זיי זאָלן נישט קומען.

די מאַמע גייט אַרויס אין דרויסן און שרייט:

— בער-קוקו, קומט נישט צו קיוועלען. ער וועט שוין זיין אַ גוט קינד!

זי קומט צוריק אַריין און זאָגט:

— זיי וועלן שוין מער נישט קומען.

קיוועלע ווערט פריילעך.

— ✡ —

איינמאָל ווערט קיוועלע נישט געזונט, זאָגט די מאַמע צום טאַטן:

— גיי רוף דעם דאָקטאָר!

דערהערט דאָס קיוועלע און הייבט אָן שרייען און וויינען:

— איך נישט וויל דאָקטאָר! איך נישט וויל קוקו! איך האָב מורא!

פאַלט די מאַמע אויף אַ פּלאַן, אַז מען דאַרף דעם דאָקטאָר אָנזאָגן, אַז ער זאָל זיך פאַרשטעלן, דאָס ער איז אַ פעטער, וועט קיוועלע נישט מורא האָבן.

— ☆ —

ס'קומט אַריין דער דאָקטאָר.

— אָ, אַ גאַסט, אַ גאַסט! דו זעסט, קיוועלע, ווער ס'איז דאָ?

— ווער? — פרעגט קיוועלע.

— ס'איז דאָך דער פעטער שלמה. דערקענסט אים נישט? גיב אים די האַנט!

קיוועלע שטרעקט אוים די האַנט.

דער דאָקטאָר זעצט זיך דערוויַיל אַוועק, גלעט קי־וועלען ביים קעפּל און דערוויַיל באַטראַכט ער אים.

— עפּעס זעסטו אוים שלעכט, קיוועלע? ביסט נישט געזונט? — פרעגט דער „פעטער".

— נישט געזונט. — זאָגט קיוועלע.

אים פאַלט גאָרנישט איין, אַז ס'איז אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר נעמט אַ שטיקל פּאַפּיר, פאַר־שריַיבט אַ רעצעפּט און ער זאָגט:

— כ'האָב אים גאָר פאַרגעסן ברענגען צאַצקעס.

אַט האָט איר אַ פּאַפּיר. קויפט אים אַ באַנעלע און אַ פלעשעלע מיט וואַסער צום שווענקען דעם האַלדז. אויב ער וויל נישט טרינקען דאָס „וואַסער", וועל איך צוריקנעמען דאָס באַנעלע.

קיוועלע האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַלץ טרינקען און וויל שוין ווערן געזונט, אַבי מען זאָל אים ברענגען דאָס באַנעלע.

דער „פּעטער" גיט אים אַ קניפּ אין בעקל און גייט אַוועק.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך איבערגעשמועסט און באַשלאָסן, אַז מער זאָל מען דאָס קינד נישט שרעקן מיט אַ דאָקטאָר, מיט אַ „קוקו" און נאָך אַזעלכע זאַכן. און זיי האָבן דערציילט קיוועלען, אַז אַ דאָקטאָר איז נישט קיין בער מיט גרויסע לאַפּעס, וואָס עסט קליינע קינדער, און ער איז נישט דעם „קוקוס" אַ ברודער, — נאָר דער „פּעטער שלמה".

דער פֿאַרשטערטער געבורטסטאָג

דעם 21-טן סעפטעמבער איז שלמהלע געבוירן געוואָרן. אַלע יאָר, ווען ס'קומט דער טאָג, מאַכן זיינע עלטערן פֿאַר אים אַ יום-טוב. דער יום-טוב פֿאַלט אויס אין אַ גוטן טאָג. דער ערשטער טאָג פֿרילינג. אַלץ בליט אויף, די וועלט ווערט יינגער. שלמהלע לאַדט דאַן איין אַלע זיינע חברים; ס'קומען זיינע פֿעטערס און מומעס און מען פֿאַרברענגט גוט.

דאָס היינטיקע יאָר האָט אָבער פּאַסירט עפּעס אַנדערש.

אַ טאָג פֿאַר דעם יום טוב האָט שלמהלע נישט גערוט.

— מאַמע, וואָס פֿאַר אַ מתנה וועסטו מיר קויפֿן צום מאָרגנדיקן יום-טוב מיינעם? — האָט געפֿרעגט שלמהלע.

— כ׳וועל דיר קויפן אַן אמתן עראָפּלאַן.

— ווי גרויס וועט ער זיין?

— ווי די גאַנצע שטוב.

— ווער וועט פאָרן אין אים?

— דו און אַלע דיינע חברים.

— וויפל קאָסט אַזאַ עראָפּלאַן?

— צוויי פּעזעס.

— אַזוי ביליק?

— אַז די מאַמע קויפט איז ביליק.

שלמהלע פאַרשטייט אַז די מאַמע ווילט זיך מיט אים, גייט ער אַוועק.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, גייט שלמה ווייטער צו דער מאַמען.

— מאַמע, זע, גרייט צו אַ סך קיכלעך און טאָרט און אַ סך צוקערקעס. איך גיי איינלאַדן אַלע מיינע חברים — אַרטשען, בערלען, דאָדלען, וועלוולען און שמחהן.

— גיי גיך און קום באַלד צוריק. ס׳איז קאַלט אין דרויסן, זע, היט זיך און קיל זיך נישט צו — האָט אים אָנגעזאָגט די מאַמע.

שלמה איז געווען צופרידן. וויפל מתנות ער וועט דאָס מאָרגן קריגן. אַלע חברים וועלן אים מקנה זיין. די פעטערס און די מומעס וועלן אים קויפן אין די בעקלעך און אים ווינטשן. ער זאָל וואַקסן אַ גרויסער בחור.

ער גייט איינלאַדן זיינע חברים. אויף דער גאַס איז גוט קאַלט. שלמה איז אָנגעטאָן אין זומערדיקע זאַכן. אַ פאַרשוויצטער גייט ער פון איין חבר צום צווייטן. ער דערפילט אַ וויטיק אין האַלדז. גיך גייט ער אַ היים.

אַריינקומענדיק אין שטוב, גיט ער זיך אַ לייג אויפן בעט.

די מאַמע באַמערקט דאָס.

— וואָס טוט דיר וויי, מיין קינד?

— גאָרנישט, מאַמע, ס'וועט איבערגיין, ביז מאָרגן וועט איבערגיין.

די מאַמע טאַפּט אים דאָס קעפּל, מעסט אים די היץ מיט אַ טערמאָמעטער און זיפצט.

— אוודאי, האָסט זיך אָנגעלאָפן אַ פאַרשוויצטער און איצט האָסטו זיך פאַרקילט.

זי ליגט שלמהלען אַריין אין בעט און דעקט אים גוט איין.

די מאַמע גייט אַרום אַ פאַרדעגהטע.

ס'איז מאָרגן שלמהלעס געבורטסטאָג און דאָ קילט ער זיך צו אין מיטן דרינען.

— ✡ —

די זון האָט פריילעך שפאַצירט איבערן בלויען הימל. ס'איז געווען אַן אמתער פרילינגס-טאָג. קינדער זיינען אומגעלאָפן איף די גאַסן פריילעכע, פאַטשנדיק מיט די הענט, אָפּגעבנדיק אַ שלום עליכם דעם ליבן גאַסט פרילינג.

שלמהלע איז געלעגן אין בעט אַרומגעבונדן דעם האַלדז.

די קינדער האָבן זיך גענומען זאַמלען נעבן זיין הויז.

— שלמהלע איז קראַנק, ס'וועט היינט נישט זיין קיין יום-טוב — האָט בעדטשיק איבערגעגעבן די חברה.

— זאָגסט אַ ליגן — האָבן אים אַלע איבערגע-שלאָגן. ער איז נעכטן געווען ביי אונדז.

— נעכטן איז ער געווען געזונט און היינט איז ער קראַנק — האָט בערטשיק שוין געזאָגט מיט כעס.

ס'איז אַרויס שלמהלעס מאַמע צו דער טיר.

אַלע קינדער האָבן זיך אַרומגעשטעלט.

— ס'איז אמת, אַז שלמהלע איז קראַנק? — האָבן די קינדער געפרעגט ביי שלמהלעס מוטער.

— ער איז אַביסל צוגעקילט און ליגט אין בעט. אויב איר ווילט קענט איר אַריינגיין.

די קינדער זיינען אַריין צו שלמהלען אין צימער. ער האָט זיך זייער דערפרייט.

— זעצט זיך קינדער — האָט זיי שלמהלעס מאַמע דערלאַנגט שטולן.

די קינדער האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט נעבן שלמהלען. אויף אַ שטול איז געלעגן אַ סך מתנות, וואָס שלמהלע האָט געקריגן פון זיינע פעטערס און מומעס.

— זע נאָר וויפל מתנות דו האָסט — אַ באַנעלע, אַן אויטאָ, אַ טעלעפאָן, אַ פייגעלע, אַן עראָפּלאַן, איך בין דיך מקנה — האָט געזאָגט בערטשיק.

— צו דיין געבורטסטאָג וועט מען דיר אויך ברענגען מתנות — האָט אים געזאָגט שלמהלע.

ס׳איז אַריין שלמהלעס אַ פעטער.

— זע נאָר, היינט איז זיין געבורטסטאָג, מאַכט ער זיך גאָר קראַנק! — האָט געזאָגט דער פעטער. ער איז צו צום שטול וווּ עס זיינען געלעגן די מתנות.

—זע נאָר וואָס ער האָט: אַ באַנעלע — אַוועקצושיקן די גריפּע. אַ טעלעפאָן — צו ריידן צום דאָקטאָר. אַן עראָפּלאַן — צו פאָרן שפּאַצירן.

די קינדער האָבן געלאַכט.

ס׳זיינען אָנגעקומען נאָך אַ סך פריינט און באַקאַנטע. זיי האָבן גערעדט מיט שלמהלעס טאַטע-מאַמע.

שלמהלע האָט זיך דערווייל געשפּילט מיט זיינע חברים, מיט די נייע שפּילעכלעך, וואָס מען האָט אים געבראַכט.

אַזוי האָט שלמהלע געהאַט אַ פאַרשטערטן געבורטסטאָג.

דער קלײנער דאָקטער

הערשעלע איז אַלט זעקס יאָר. ער איז אַ גרויסער שטיפער. מאַכט אָן אַ חורבן אין שטוב. קערט איבער די בענקלעך, צעברעכט די גלעזער, שלאָגט דאָס קעצל, איז אַ גרויסער צולהכעיסניק, פאָלגט נישט דער מאַמען.

איינמאָל בעט הערשעלע דעם טאַטן, ער זאָל אים אָנשרייבן זיין נאָמען אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

דער טאַטע נעמט אַ שטיקל פּאַפּיר און שרייבט אָן, הערשעלע, איז דאָס אים זייער געפעלן געוואָרן. ער נעמט אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ בלייער און שרייבט נאָך, וואָס דער טאַטע האָט אָנגעשריבן. אין פינף מינוט אַרום ברענגט הערשעלע אַ שטיקל פּאַפּיר און ווייזט דעם טאַטן:

— טאַטע לייען אַ בריוועלע!

דער טאַטע לייענט איבער.

הערשעלע.

דעם טאַטן איז ראָס זייער געפעלן געוואָרן, האָט ער צוגעזאָגט הערשעלען, אויב ער וועט זיין אַ גוט יינגעלע, וועט ער אים פאַרשרייבן אין שול.

הערשעלע איז אַוועקגעלאָפן צו דער מאַמען און אָנגעהויבן וויינען, זי זאָל אים שיקן אין שול, ער וועט שוין זיין אַ גוט יינגעלע.

די מאַמע האָט אים געקויפט אַ שול־טעקע מיט אַ ווייסן פאַרטעך און אים אַוועקגעשיקט אין שול.

הערשעלע האָט זיך געלערנט זייער פלייסיק. פאַר־נאַכט, ווען ער איז געקומען פון שול פלעגט ער מאַכן די אויפגאַבן, וואָס די לערערקע האָט אים פאַרגעבן אַ היים.

די מאַמע איז געווען זייער צופרידן, וואָס איר קינד לערנט זיך זייער גוט און איז שוין נישט קיין שטיפער.

אַז די מאַמע האָט געהאַט צייט פלעגט זי הערשע־לען אויספרעגן, וואָס ער לערנט. איינמאָל קומט ער מיט אַ פרייד פון שול און זאָגט:

— מאַמע די לערערקע האָט אונדז שוין געוויזן ווי מען לייגט צענויף און מען נעמט אַראָפּ.

די מאַמע האָט געוואָלט וויסן צי ער קען עפּעס האָט זי אים געפרעגט:

— וויפל איז צוויי מיט צוויי?

הערשעלע קלערט אַ ווײַלע, לייגט צענויף די פינגער און רעכנט.

— פיר, מאַמע! — האָט געזאָגט הערשעלע מיט אַ גדולה.

די מאַמע פרעגט ווײַטער.

— וויפל איז, מיין קינד, ווען פון זיבן מען נעמט אַראָפּ פינף?

הערשעלע קען דאָס שוין נישט מאַכן אויפן קאָפּ, נעמט ער אַ בלייער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און מאַכט זיבן פינטעלעך. ער ציילט איבער פון אויבן פינף פינטעלעך און מאַכט אַ פּאַסיקל. אונטן איז געבליבן צוויי פינטעלעך.

— צוויי! — ענטפערט הערשעלע.

די מאַמע זעט אַז ער קען, גיט זי אים אַ קוש און הייסט אים זיך גיין שפּילן.

גיך איז אַריבער דאָס יאָר און הערשעלע האָט פאַרענדיקט דעם ערשטן גראַד. סוף שול־יאָר האָט ער באַקומען זייער אַ גוטע צייגעניש. און באַלד געלאָפן עם ווייזן זיין מאַמען.

הערשעלעס טאַטע־מאַמע האָבן זיך זייער גע־פריידט און אים געקויפט אַ סך מתּנות.

דעם טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער פאַרענדיקט די שול און ער האָט אַזאַ חשק צום לערנען, אַז ס'ווילט זיך אים גאָרנישט אָוועקגיין.

ביים עסן פרעגט הערשעלע דער מאַמען:

— מאַמע! ווו לערנט מען ווייטער ווען מען ענ־דיקט די אָנפאַנג־שול?

— אין נאַציאָנאַל! — זאָגט די מאַמע.

הערשעלע איז נאָך נייגעריקער.

— און אַז מען פאַרענדיקט דעם נאַציאָנאַל?

— גייט מען אין פאַקולטאַט — ענטפערט די מאַ־מע, אַ שמייכלענדיקע.

די מאַמע ווערט נייגעריק און פרעגט:

— פאַרוואָס ווילסטו לערנען, מיין קינד?

הערשעלע טראַכט.

זאָגט דער טאַטע:

— אַ בוכהאַלטער —

— ניין! — זאָגט הערשעלע.

— אַן אַדוואָקאַט —

— ניין!

פרעגט די מאַמע:

— אפשר פאַר אַ קאָמיסאַר?

— אויך נישט! — אַ קאָמיסאַר שלאָגט אַלע קינדער — ענטפערט הערשעלע.

— איז פאַר וואָס זשע ווילסטו ענדיקן? — פרעגט די מאַמע אומגעדולדיק.

— איך וויל זיין אַ דאָקטאָר. — זאָגט הערשעלע.

ס'לופט אַדורך דאָס קעצל, הערשעלע כאַפּט זי און שטעלט זי אַרויף אויף אַ שטול, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ גאַלקע און שטעלט צו צום קעצעלע, נאָכער בויגט ער זיך איין, לייגט צו דעם אויער און הערט זיך צו:

— דאָס קעצעלע איז קראַנק מאַמע, מען דאַרף זי פאַרשרייבן אַ רעצעפּט — זאָגט הערשעלע.

הערשעלע נעמט אַ בלייער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר
און שרייבט עפּעס אָן, נאָכער בינדט ער עס אָן צום עק
פון קעצל און זאָגט:

— גיי קעצעלע אין אַפּטייק און ברענג די רפואות!

די מאַמע מיטן טאַטן לאַכן פון הערשעלען.



גיטעלע און אסתּר



אין אַ גרויסן פּאַרק פון שטאָט פלעגן קינדער אַלע טאָג זיך קומען שפּילן.

בערעלע, שלמהלע, גיטעלע און אסתּר, אַלע פון איין גאַס פלעגן אויך קומען.

די יינגלעך פלעגן זיך הוידען, זיך אַרומיאָגן און פאַרברענגען אויף זייער שטייגער.

די מיידלעך פלעגן ברענגען ליאַלקעס מיט בעטלעך און זיך שפּילן אין „מאַמעס".

גיטעלע און אסתּר זיינען געווען צוויי חברטעס. יי

פלעגן אפילו גיין די זעלבע קליידער, זיך קויפן די זעל-
בע שפילערייען, די זעלבע ליאַלקעס און אַלץ.

איינמאָל איז גיטעלע געווען ביי דער סאַזשעלקע
און זיך געשפילט מיט די פישעלעך. אסתּר האָט, ווי
שטענדיק, זיך געשפילט מיט דער ליאַלקע. מיט אַמאָל
איז אָנגעלאָפן אַ הונט, אַרויסגעכאַפּט די ליאַלקע ביי
אסתּרן און זי צעריסן אויף שטיקלעך. אסתּר האָט
שטאַרק געוויינט, נאָר זעענדיק, אַז גיטעלע זאַמט זיך
לאַנג און קומט נישט, האָט זי איבערגעביטן די ליאַל-
קעס: די צעבראָכענע האָט זי אַריינגעלייגט צו גיטע-
לען און די גאַנצע צו זיך.

ס'איז אָנגעקומען גיטעלע.

— אוי, מען דאַרף געבן עסן דאָס קינד, ס'מוז זיין
הונגעריק — האָט גיטעלע געזאָגט.

זי האָט אַרויסגענומען די ליאַלקע פון וויגעלע. זי
איז געוואָרן בלאַס ווי קאַלך.

— אוי! — האָט זי אַ קוויטש געטאָן — ווער האָט
צעבראָכן מיין ליאַלקע?! דאָס קעפּעלע אַראָפּגעריסן, די
הענטלעך אָפּגעבראָכן, די פיסלעך צעדרייט!

אסתּר האָט געשוויגן.

— אסתּר, ווער האָט דאָס מיר געטאָן?

— איך ווייס נישט. איך שפּיל זיך מיט מיין ליאַלקע.

גיטעלע האָט באַטראַכט דאָס קעפּל פון דער ליאַלקע און אויסגעשריגן:

— אוי! די ליאַלקע איז נישט מיינע! מיין ליאַלקע האָט געהאַט אַ חן-פּינטעלע אויף דער באַק, די ליאַל-קע האָט נישט, לאָז מיר זען דיין ליאַלקע.

אסתּר איז רויט געוואָרן ווי אַ בוראַק.

גיטעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער ליאַלקע, וואָס אסתּר האָט געהאַלטן.

— אסתּר, גיב מיר אָפּ די ליאַלקע! זי איז מיינע, דו האָסט זי מיר איבערגעביטן.

— כ'וועל דיר נישט געבן! — האָט געזאָגט אסתּר.

— כ'וועל זי צונעמען ביי דיר. — כ'וועל דיך נישט לאָזן.

גיטעלע איז צוגעלאָפן און גענומען רייסן אסתּרן פאַר די צעפּלעך.

— גיב אָפּ, אַ נישט רייס איך דיר אויס די האָר!

אסתּר האָט אָנגעהויבן שרייען און מאַכן גוואַלדן.

אַלע קינדער דאָרט זיינען זיך צונויפגעלאָפן.

— וואָס איז געשען? וואָס האָט פּאַסירט? — האָבן די קינדער געפרעגט.

גיטעלע האָט זיי דערציילט, וואָס איר חברטע האָט איר געטאָן. די קינדער האָבן געשריגן צו גיטעלען.

— זיי ברוגז מיט איר! חבר זיך מער נישט מיט איר! זי איז אַ פאַלשע חברטע!

— ריים אוים ביי איר דיין ליאַלקע!

גיטעלע האָט אַזוי געטאָן און אַלע קינדער זיינען אַוועק מיט גיטעלען, איבערגעלאָזט אסתּרן אַליין מיט דער צעבראָכענער ליאַלקע.

דעם אַנדערן טאָג האָט מען ווידער געזען גיטעלען מיט אסתּרן גיין צוזאַמען. מען וויים נישט ווי אַזוי זיי האָבן זיך איבערגעבעטן. מען זעט נאָר, אַז זיי האָבן זיך ליב. זיי זיינען זיך גוטע חברטעס און קיינער פון זיי וועט שוין מער אַזוינס נישט טאָן.

דאָס טעלערל פון הימל

איד קען אַ מיידעלע, איז וואָס זי זעט וויל זי אַלץ: עסט איינער אַן עפּל, וויל זי. לייענט מען אַ צייטונג, וויל זי. גייט מען שפּאַצירן, וויל זי. הכלל, וואָס איינער טוט וויל זי אויך.

איינמאָל גייט זי מיט דער מאַמען אין גאַס. ס'איז געווען אין אָוונט. אויף דער גאַס איז געווען שיין. די לבנה האָט באַלויכטן דעם הימל. דערזעט דאָס מיידעלע צום ערשטן מאָל די לבנה. פרעגט זי דער מאַמען:

— מאַמע וואָס איז דאָס?

— די לבנה. — ענטפערט די מאַמע.

— גיב מיר די לבנה.

— איך בין אַ קליינע — ענטפערט די מאַמע — כ'קען ניט דערלאַנגען.

— גיב מיר די לבנה! — וויינט דאָס מיידעלע.

די מאַמע זעט, אַז עס
איז שלעכט פאַלט זי
אויף אַ פּלאַן.

— כ׳וועל בעטן דעם
טאַטן, וועט ער דיר
געבן. ער איז העכער
פון מיר, וועט ער עס
קענען דערלאַנגען.

דאָס מיידעלע הערט
אויף וויינען און שלעפּט
דער מאַמען צום טאַטן.

געפּאַקט דעם טאַטן,
לויפט דאָס מיידעלע
מיט אַ געשריי:

— טאַטע! דערלאַנג
מיר די לבנה!

— איך קען ניט —
ענטפערט דער טאַטע — איך בין צו קליין.

דאָס מיידעלע וויינט און וויל פון גאַרניט וויסן. זי וויל די לבנה.

פאַלט דער טאַטע אויף אַ פּלאַן.

— וויסטו וואָס, מיין קינד, דער פעטער משה איז גרעסער פון מיר, ער וועט דיר דערלאַנגען די לבנה. מאָרגן וועט ער דאָ זיין וועסטו אים בעטן.

דאָס מיידעלע האָט זיך באַרואיקט און געוואַרט מיט אומגעדולד ס'זאָל שוין קומען דער פעטער משה.

אויף מאָרגן איז פונקט געקומען דער פעטער משה. דאָס מיידעלע איז צוגעלאָפן צו אים מיט אַ פרייד.

— פעטער משה! גיב מיר די לבנה!

— זי איז איצט נישטאָ — זאָגט דער פעטער משה — זי שלאָפט נאָך, אין אָוונט ווען זי וועט אויפשטיין וועל איך זי דיר געבן.

אין אָוונט וויינט דאָס מיידעלע, זי וויל דעם פעטער משהן ער זאָל איר געבן די לבנה. מען האָט געמוזט רופן דעם פעטער משהן, ווייל דאָס מיידעלע האָט געוויינט און נישט געוואָלט עסן.

דער פּעטער משה איז געקומען, אָבער די לבנה קען ער נישט אַראָפּנעמען. נעמט דאָס מיידעלע, שטעלט אַוועק אַ בענקל און הייסט דעם פּעטער משהן ער זאָל אַרויף און איר דערלאַנגען די לבנה. דער פּעטער משה איז אַרויף אויפן בענקל, אָבער די לבנה האָט ער ניט געקענט דערלאַנגען.

ס׳מיידעלע האָט זיך שטאַרק צעוויינט. זי וויל פון גאָרניט וויסן. זי וויל די לבנה. מיט אַמאָל איז אָנגעקומען אַ כמאַרע און פאַרשטעלט די לבנה.

דאָס מיידעלע האָט אַלץ געוויינט.

— זעסט, די לבנה איז אַוועק שלאָפן — האָט איר באַרואיקט די מאַמע — די לבנה איז מיד.

דאָס מיידעלע האָט זיך באַרואיקט.

פון דעמאָלט אָן זיינען אַוועק וואָכן און חדשים, און ווען עס קומט דער אָונט, וויינט דאָס מיידעלע, אַז זי וויל די לבנה און קיינער קען זי נישט דערלאַנגען.

ווען די שכנים האָבן זיך דערוווסט די געשיכטע פון דער פאַרעקשנטער מיידעלע, וואָס וויל די לבנה, איז אַרויס אַזאַ ווערטל, אַז איינער וויל עפּעס און מען קען אים ניט געבן זאָגט מען: אפשר ווילסטו דאָס טעַ-לערל פון הימל (די לבנה).

די מעשה פון דאָס מיידעלע וואָס וויל די לבנה איז באַוווסט געוואָרן איבער דער גאַנצער שטאָט. און אַז איר הערט אַמאָל זאָגן: „גיב איר דאָס טעלערל פון הימל", זאָלט איר וויסן, אַז דאָס שטאַמט פון יענער מיי-דעלע.

הימל און ערד

דער פֿרילינג און יאַנסעלעס חלום

דער פֿרילינג קומט! דער פֿרילינג פֿאָרט! גייט אַרויס אים באַגלייטן! — איז געלאָפֿן און געשריגן דער וואַרימער ווינט.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פֿון גלעקלעך. פֿיר פּאָר ווייסע פֿערדלעך זיינען געלאָפֿן אין אַ גאַלאָפּ פֿאָרויס אָנגעשטעקט מיט אַ סך אַקאַציע און בעז.

א מחנה בושלען, דעם פֿרילינגס באַגלייטער, זיינען אים געפֿלויגן איבערן קאָפּ.

דער פֿרילינג איז געזעסן ברייט צעשפּרייט אין זיין קאַרעטע. האָט געוואָרפֿן אַ פֿאַפּיראָס און אַרויסגעלאָזן פֿון מויל וואָלקנס מיט פֿרישע לופֿט.

די זון האָט זיך אַרומשפּאַצירט איבערן העל-בלויען הימל, אויסגעפּוצט אין גאָלדענע קליידער און באַ-

וואַרפֿן מיט בלישטשענדיקע שטראַלן דער קאַלטער ערד. זי האָט זיך געהנדלט צום פֿרילינג און געזוכט וואָס מער ביי אים אויסנעמען. אַלע מאָל פֿלעגט זי אַ קוק טאָן, צוזוואַרפֿן אַ הנוודיקן שמייכעלע און ווידער פֿאַר-שווינדן. זי האָט געשפּילט אין ליבע מיטן פֿרילינג.

דער פֿרילינג איז געווען צופֿרידן. ער האָט אָנגע-קוואָלן פֿון זיין באַגלייטערן די זון.

די קאַרעטע האָט זיך וואָס אַמאָל דערנענטערט און אַריין אין שטאָט.

— וויאָ, מיינע פֿערדעלעך! גליך צו דער פּלאַסע! האָט אַ כוואַשטשע געטאָן דער פֿרילינג מיטן בייטש אין דער לופֿטן.

די פֿערדלעך האָבן זיך אין אַ גאַלאָפּ אַוועקגעלאָזן צו דער פּלאַסע.

ווי די קינדער האָבן נאָר דערזען אַריינפֿאָרנדיק דעם פֿרילינג אין שטאָט אַריין האָבן זיי באַלד גענומען אים נאָכיאָגן. יעדער איינער האָט אים געוואָלט געבן די האַנט, אים פֿרעגן וואָס ער מאַכט.

דער פֿרילינג האָט צו זיי געפּאָכעט מיט זיין רויטן צילינדער הוט און האַרציק געשמייכלט צו זיי.

— צו דער פלאַסע היינט, ס׳וועט זיין אַ יום־טוב!
— האָט צו זיי דער פרילינג געשריגן.

אַלע קינדערלעך זיינען געלאָפן אויף דער פלאַסע.

— ☆ —

יאַנקעלע איז געווען פאַרשפאַרט אַ גאַנצן ווינטער ביי זיי אין ענגן שטיבל. אַ גאַנצן ווינטער געאָטעמט די שטיקנדיקע לופט. די זון איז גאַר פאַר זייַנע אויגן נישט געקומען. ווען דער פרילינג איז פאַרבייגעפאָרן דורך זייער שטוב האָט ער אים אפילו נישט באַמערקט.

בערעלע וואָס האָט געוווינט אין אַ „קאָנוועגטיזשע" דריי קוואַרטאַלן פון אים האָט יאָ באַמערקט. ער איז געלאָפן אָנזאָגן זיין חבר יאַנקעלען.

— יאַנקעלע קום גיך צו דער פלאַסע, ס׳איז איצט דורכגעפאָרן דער חבר פרילינג! — האָט בערעלע אַריינגעשריגן דורכן קליין פענצטערל צו יאַנקעלען אין צימער און גיך אַנטלאָפן.

יאַנקעלע האָט זיך נישט געמאַכט ווִיסנדיס. ער האָט געמיינט, אַז בערעלע מאַכט פון אים חוזק.

נאָך אַ לאַנגן ישובן זיך איז יאַנקעלע אַרויס אין

דרויסן איז חשך. ער האָט דערזען אַ העל־בלויען הימל, אַ לייכטנדיקע וואַרעמע זון. בושלען פליען אין דער לופטן. זײַן האַרץ איז פול געוואָרן מיט פרייד. קיין קינד האָט אַזוי נישט דערפילט דעם פרילינג ווי יאַנקעלע.

נישט פרעגנדיק קיינעם איז ער אַוועקגעלאָפן גיך אין פלאַסע. ווי איבעראַשט איז ער געוואָרן, ווען די פלאַסע איז פול געווען מיט קינדער. אַלע ביימער זײַנען געווען באַפּוצט מיט גרינע און בלויע שלייפן און פאַרצוויגן מיט אַלערליי קאָלירטע לענטעס. דער פרילינג האָט אַלע קינדער געטיילט בעז און אַקאַציע בלומען. ער איז געווען גוטמוטיק צו אַלע קינדער.

יאַנקעלע איז צוגעלאָפן אַ פאַרשעמטער און אויך גענומען אַ שטיקל בעז. דער פרילינג האָט אים אַ קניפּ געטאָן אין די בעקלעך. ער האָט באַלד באַקומען קאָלירן אין פּנים.

— צו דיר בין איך געקומען מער ווי צו אַלע — האָט אים דער פרילינג געזאָגט און מיטן האַנט געגלעט איבערן קעפּל.

יאַנקעלע איז פון אַלץ געווען איבעראַשט. דאָ איז ער געלאָפן זיך הוידען, דאָ זיך אַראָפּגליטשן פון אַ בערג. דאָ האָט ער גענומען קלעטערן אויף די ביימער.

ער האָט געזען פיל פייגעלעך פליען פון צווייגעלע צו צווייגעלע.

דער פרילינג האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט צו זיין פייגל-אָרקעסטער אויף די ביימער זיי זאָלן שפּילן אַ מאַרש צו זיין אָנקומען. אַלע קינדער האָבן זיך גענומען אין אַ קרייז. דעם פרילינג אַריינגענומען אין מיטן און געטאַנצט אַרום אים.

יאַנקעלע איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער וואונדער-לעכער מוזיק פון די פייגל.

ווען די פייגעלעך האָבן פאַרענדיקט זינגען, איז ער אַוועק צו דער סאַזשלקע פון דער פּלאַסע.

די קאַטשקעלעך און די גענדזעלעך אויסגעפּוצט אין אַלערליי קאָלירטע פעדערן האָבן געפּאַטשט מיט די פליגלען און פריי געשטיפט אין וואַסער. די פישע-לעך פלעגן אַלע מאָל אַרויסשטעקן די קעפּעלעך פון וואַסער און צוריק פאַרשווינדן, אָנמאַכנדיק אַ סך בלעזעלעך. יאַנקעלע האָט זיי געוואָרפן ברעקעלעך ברויט און שטאַרק הנאה געהאַט. אַזוי האָט ער פאַר-בראַכט אַ גאַנצן טאָג אויף דער פּלאַסע.

פאַרנאַכט איז ער צוגעקומען צום פרילינג זיך גע-זעגענען.

דער פרילינג האָט אים געדריקט די האַנט און פאַרשפּראָכן, אַז דריי מאָנאַטן וועט ער דאָ ווײַלן און אַז ער זאָל אַלע טאָג קומען זיך שפּילן מיט אים אויף דער פּלאַסע.

יאַנקעלע האָט צוגעזאָגט און אַוועק אַהיים.

בײַנאַכט, ווען ער איז אײַנגעשלאָפן, האָט זיך אים באַוויזן אין חלום, אַ ליכטיקע גרינע וועלט, אַ הייסע פרײַלעכע זון, וואָס שמייכלט און קושט אים מיט הייסע שטראַלן. ער האָט געזען פיל קינדער אין פּלאַסע. מען הוידעט זיך, מען שפּילט זיך אין קאַראַהאָד. פייגעלעך פליען פון צווייגעלע צו צווייגעלע, צווײַטשערן און זינגען צוזאַמען מיט די קינדערלעך. נאָר אָט פליט אַרויף אַ פייגעלע בײַ אים אויפן אַקסל און זינגט אַזוי שיין. יאַנקעלע ציט אויס די האַנט און כאַפּט עס. דאָס פייגעלע איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן. עס דרייט אויס דאָס קעפּעלע און קוקט אַזוי טרויעריק. נאָר באַלד גיט זי זיך אַ ריס אַרויס און אַנטלויפט.

יאַנקעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. די האַנט איז בײַ אים געווען פאַרשטייפט, אַז ער האָט זי קוים געעפנט.

ער איז גיך אַראָפּ פון בעט און די זון האָט אים באַגריסט.

יענעם טאָג האָט אים שטאַרק ווי געטאָן די האַנט. ער האָט שטאַרק געבענקט נאָכן פייגעלע. ס'האָט אים פאַרדראָסן וואָס דאָס אַלץ איז געווען אַ חלום.



דער האַרבסט איז אַראָפּגעקומען אַ ברוגזער. די בלעטער פון די ביימער זיינען אַראָפּגעפאַלן מיט פּאַרדראָס אויף די ליפּן. דער הימל האָט באַקומען אַ שוואַרץ פּנים און אַ ליאַדע האָר וויינט ער.

די גריפּע האָט זיך גלייך דערוווסט, אַז דער האַרבסט איז שוין דאָ, איז זי געקומען צו אים צו גאַסט און אויסגעשטרעקט אַ ברייטן שלום-עליכם:

— וואָס מאַכסטו, מיין ליבער האַרבסט, איך בין

דיר געקומען אַ ביסל צוהעלפן אין דער אַרבעט... איך זע, דו האָסט שוין אַ היפּש ביסל אָפּגעטאָן; די בלעטער אַראָפּגעריסן פון די ביימער, די גראָזן געמאַכט וועלקן און אָנגעבראַכט רעגנס מיט נעפּלען. איך ווידער וועל מיר טאָן מיין אַלטע אַרבעט: זיך פאַרקלייבן צו די מענטשן אין די העלדזער און וועל זיי אויך געבן פאַר-זוכן דעם טעם פון האַרבסט.

די גריפּע האָט זיך טויף פאַרנויגט פאַרן האַרבסט און איז זיך אַוועק.

J. SOLOLOVSKY.

אויף דער גאַס איז געווען קאַלט און נאַס. ס׳האָט געגאָסן אַ דין רעגנדל. די גרי-פּע האָט זיך אַרומגעדרייט איינע אַליין און געציטערט פון קעלט. ס׳האָבן ביי איר געדריגעט די ציינער. זי איז געווען אויפגערעגט. זי האָט אַ ניס געטאָן: אַך, צום טייוול ס׳איז דאָך אַזוי קאַלט, פאַרפראָרן צו ווערן און דאָ כאָטש נעם און שטאַרב, איז נישטאָ ווו זיך אָנצע-וואַרעמען.

ס׳גייען אַרויס צוויי מיידעלעך פון שול. די קעפּע-

לעך פאַרשוויצט. זיי גייען אָן מאַנטעלעך. בלויז מיט לייכטע זומערדיקע קליידעלעך.

איינע זאָגט צו דער צווייטער:

— קום, לאָמיר לויפן אויף גיך אין שטוב אַריין. די מאַמעשים וואַרטן שוין אויף אונדז.

די גריפע האָט דערזען די צוויי מיידעלעך, האָט זי זיך זייער דערפרייט.

— אָ! סאַראַ שיינע קינדערלעך, אַ נחת אַ קוק צו טאָן אויף זיי. זע נאָר ווי זומערדיק זיי גייען אָנגעטאָן פונקט ווי דער האַרבסט זאָל גאָרנישט זיין. נו, און פאַר מיר האָט איר גאָר קיין מורא נישט? איך הייס דאָך חבר גריפע.

די קינדער מאַכן זיך נישט וויסנדיק.

— וואָס, איר גלויבט גאָר נישט, אַנו, גיט נאָר אַ צע-עפן אייערע מיילעכלעך און קוקט איינע צו דער צווייטער אַריין וועט איר מיר באַלד דערזען.

די מיידעלעך זיינען געלאָפן פאַרשוויצטע מיט אָפענע מיילעכלעך.

די גריפע האָט דערזען, אַז די מיידעלעך האַלטן אָפן זייערע מיילעכלעך, איז זי מיט איין שפרונג באַלד

אַריין צו זיי אין די מיילער. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט איר שאַרפע נעגל אין האַלדז און נישט געוואָלט אַרויס.

די מיידעלעך האָבן דערפילט אַ ווייטיק אין האַלדז.

— אוי! ס׳טוט מיר וויי אין האַלדז — האָט איין מיידעלע געזאָגט.

— מיר אויך — האָט די צווייטע געזאָגט.

— לאָמיר זיך אָנטאָן שאַליקעס וועט איבערגיין.

— איך האָב מיינעם פאַרגעסן אין דער היים.

— איך האָב גאָר אינגאַנצן נישט קיין שאַליק.

די מיידעלעך האָבן אָנגעהויבן לויפן גיכער אַהיים...

פאַר דער שטיקל צייט, וואָס די גריפּע האָט זיך באַזעצט אין האַלדז, האָט זי געזוכט צו צעשטערן אַלץ; זי האָט באַלד אַריינגעגאָסן אַזאַ פליסיקייט אין נאָז, אַז די קינדער האָבן אָנגעהויבן צו ניסן און דערפילט אַ קאָפּ-ווייטיק.

— אוי! ס׳טוט מיר וויי דער קאָפּ — האָט איין מיידעלע געקרעכצט.

— און איך פיל זיך אַזוי שלעכט, אַז איך האַלט עס נישט אויס — האָט די צווייטע געזאָגט.

ביידע מיידעלעך זיינען אַריינגעפאַלן אין שטוב, זייערע מאַמעס האָבן זיי שוין אָפּגעוואַרט ביי דער טיר.

די גריפּע האָט דערזען די מיידעלעכס מאַמעס, האָט זי אַ שטאַרקן ניס געטאָן:

— אָט, האָט איר מיר פאַר אַ גאַסט אין אייער שטוב.

די מאַמעס האָבן דערזען, ווי די קינדער זייערע ניסן, האָבן זיי פאַרבראָכן מיט די הענט.

איין מאַמע האָט געזאָגט:

— ווּעסט שוין פאָלגן אַ מאַמע! כ׳האָב דיר געהייסן זיך אָנטאָן וואַרעם, האָסטו נישט געפאָלגט. איצט נאַ דיר אַ גריפּע!

די צווייטע מאַמע האָט געזאָגט:

— ווי לויפט מען עס אַ פאַרשוויצטע אין אַ רעגן אָן אַ וואַרעם סעקעלע, ווייסט דאָך, אַז ס׳איז האַרבסט, און סע קען פּאַקן אַ גריפּע.

די מיידעלעך האָבן געקוקט אויף זייערע מאַמעס און געהאַלטן אין איין ניסן.

די מאַמעס האָבן אויסגעבעט געלעגערס און געלייגט זיי אין די בעטן אַריין.

אַ גאַנצע וואָך האָבן געמוזט די מיידעלעך ליגן אין

די בעטן, נעמען ביטערע רפואות און נישט געקענט גיין אין שול. ס׳האָט זיי באַנק געטאָן, וואָס זיי האָבן נישט געפאָלגט דער מאַמען און דערפאַר געדאַרפט ליגן קראַנק.

די זון, דער רעגן און דער ווינט

איינמאָל טרעפֿן זיך צוזאַמען די זון, דער רעגן און דער ווינט.

זאָגט די זון:

— איך בין די קעניגין פֿון דער וועלט. איך מאַך ליכטיק. די גראָז, בלומען באַקומען מיינע שטראַלן, ווערן זיי פֿאַרביק. אַלטע מענטשן קוויקן זיך מיט מיר. קליינע קינדער טאַנצן מיר אַנטקעגן און וואַקסן גרויס, שיין און פֿאַרביק.

שטייט דער רעגן אַביסל אין אַ פֿאַרלעגנהייט און דערנאָך נעמט ער זיך אויך באַרימען:

— איך קום צו דער ערד און באַוואַסער זי, הייבט אַן אַלץ בליען און וואַקסן. ווען די פֿייערים דערזעען מיך, דערפֿרייען זיי זיך.

שמייכלט צו אים די זון און זאָגט:

— דו אָן מיר, קאָנסט גאָרנישט באַווייזן. ווען כ'הייב אָן שטאַרק שוויצן און ס'ווערט מיר טרוקן אין מויל, הייב איך דיך אויף צו מיר, טרינק זיך גוט אָן, נאָכהער, ווען איך וויל... לאָז איך דיך צוריק אַראָפּ.

הייבט זיך אָן דער רעגן פאַרקלאָגן פאַר דער זון:

— דאָס איז גאָרנישט, מאַמע — מיט דיר קען איך אויסקומען, אָבער דער פעטער מייגער, דער קאַלטער ווינט, איז זייער אַ שלעכטער, ער לאָזט מיך נישט איינ-זיצן אויף אַן אָרט. ווען כ'קום צו דיר אַרויף אויף דער שוים, נעם דיך אַרום און וויל דיר אַ קוש טאָן, קומט דער קאַלטער פעטער ווינט און פאַרטרייבט מיך. ער קומט פון די קאַלטע געגנטן, אויך ביי אים אין דער היים האָט ער מיך פיינט, ער מאַכט דאָרט פון מיר שניי און אייז, אויך דיך, מאַמע, לאָזט ער דאָרט נישט וואַרעמען, אפילו נישט קיין זעקס מאָנאַטן אין יאָר. ער שפּאַרט דיך דאָרט אַרויף העכער ווי דו ביסט, אַז בלויז דיין ליכט הערגרייכט אויף דער ערד. נאָר דאָ, אין דיין וואַ-רעמער היים, לאָזט ער אויס דעם גאַנצן כעס אויף מיר.

ס'טרעפט אַז גאַנצע מאָנאַטן לאָזט ער מיך נישט קומען אַ שפּאַציר טאָן איבער די פעלדער. ווען ער דער-זעט מיך, הייבט ער מיר אָן אַזוי יאָגן, אַז איך מוז אַ פאַרשעמטער אַוועקגיין.

דער רעגן האָט אין איין אָטעם ווייטער זיך באַ-קלאָגט:

— אָט דאָס הײַנטיקע יאָר, האָט ער זיך אָנגע-לייגט אויף מיר, אַז שוין באַלד אַ האַלב יאָר, ווי ער לאָזט מיך נישט לעבן. אין לאַנד איז אַ טריקעניש, קיין ליאָן און ווייץ זייט מען נישט, ס׳וועט ווערן אַ הונגער! דערצו האָט ער נאָך אָנגעבראַכט אַזאַ קעלט, אַז די קינ-דערלעך איז קאַלט צו גיין אין שול אַרײַן.

דערהערט דער ווינט די טענות הייבט ער אָן פײַפן און צעשרייט זיך אויפן וואָלקן און פאַריאָגט אים. און פאַר דער זון פאַרנייגט ער זיך און זאָגט צו איר מיט אַ בייזער מינע:

— קוק אים נאָר אָן דעם פאַרשוין! פאַראַיאָרן האָב איך זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט, איז ער געוואָרן באַלע-באָס איבערן לאַנד, וואָכנווייז פלעגט עס רעגענען און ס׳האָט אָנגעמאַכט אויף די פעלדער אַזאַ גערעטעניש, אַז הײַנטיקס יאָר האָט מען אַראָפּגענומען פון די פעל-דער אַזוי פיל מאָס — אַ וועלט צו פאַרפּלייצן! כאָטש נעם און וואַרף זיי אין ים אַרײַן! דעם יאָר, אָבער, וועל איך אָנמאַכן טריקעניש.

העט ווינט האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט און אָנ-

געטריבן אַזאַ קעלט, אַז די קינדערלעך האָבן אַזאַ גע-
וויינט פאַר קעלט.

די זון האָט זיך אָבער געטראַכט: שריי, שריי, כּל-
זמן דו קענסט. אין אַ שטיקל צייט אַרום וועל איך דיך
מאַכן צו גאָרנישט. מיט מיינע שטראַלן וועל איך דיך
אַזוי צעוואַרעמען, אַז דו וועסט גאָרנישט קאָנען טאָן.
כ'וועל צוריק אַרויפנעמען דעם רעגן און אים לאָזן
פראַנק און פריי שפּאַצירן איבער די פעלדער. און איך
מיט אים וועלן מאַכן אַז די ביימער זאָלן בליען און
ס'וועט ווערן צוריק גוט און פריילעך. און צו די קינדער-
לעך האָט די זון געזאָגט:

— האָט געדולד נאָך אַ קליין שטיקל צייט!



אַ שיינער טאָג

איינמאָל דערהאַלט דער שיינער טאָג אַ טעלעגראַמע פון די קינדער פון אַרגענ-טינע:

— „קום גיך צופאָרן, מיר קענען נישט אויסהאַלטן פון די קעלטן".

דעם שיינעם טאָג האָט וויי געטאָן, פאַרוואָס זיי ליידן קעלט, האָט ער באַלד באַפוילן, אַז מען זאָל אים צוגרייטן די בעסטע שפּאַציר שיף אין וועג אַריין. דער-נאָך האָט ער געכאַפּט אַ וואַליזקע, איינגעפּאַקט די זון, צענויפגעקליבן די שטראַלן און אַוועק צום פּאָרט.

די שיף האָט דריי מאָל אַ טרובע געטאָן און אָפּגע-שווומען.

באַלד האָט דער שיינער טאָג אַרויסגעשיקט אַ וואָ-רעם ווינטל צו וויסן געבן, אַז ער איז שוין אין וועג.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די רייזע און פינף פאַרטאָג איז די שיף אַריין אין בוענאָס איירעסער פּאָרט.

דאָס וואַרעמעווינטל האָט באַלד געגעבן אַ באַפעל צום וואָלקן, ער זאָל זיך אָפּטראָגן.

דער וואָלקן האָט זיך געדרייט אַהין, אַהער. אָן חשק האָט ער זיך געמוזט אָפּטראָגן.

דער שיינער טאָג איז אָפּגעשטיגן פון שיף. צעעפנט די וואַליזקע, אַרויסגעשיקט אויפן הימל די זון מיט די שטראַלן.

די זון האָט זיך אויסגעריבן די אויגן פון נאַכטיקן דרימל און אָנגעהויבן אַרויפשווימען אויפן העל בלויען הימל. זי האָט געשיקט דורך די שטראַלן צו וויסן געבן, אַז דער ווינטער זאָל זיך אָפּטראָגן. דער ווינטער האָט זיך אַביסל געקווענקלט, אָבער ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט און זיך געזוכט אַן אָרט, ווו זיך צו באַהאַלטן.

די זון האָט אַראָפּגעקוקט אין שטאָט אַריין און זי האָט דערזען אַ פענצטער. אין צימער דאָרט איז געשלאָפן אַ יינגעלע אין אַ בעטעלע איינגעדעקט מיט אַ סך קאָלדרעס.

די זון האָט אַריינגעקוקט.

— גוט מאָרגן יינגעלע!

דאָס יינגעלע דערפילט אַ שטראַל פון דער זון אויף זיין אויער. ער עפנט די אייגעלעך. אין צימער איז קאַלט. ער קוקט דורכן פענצטער — אין דרויסן איז שיין, אַ העל בלויער הימל, די זון, אויסגעפוצט אין גאָלד, שפּאַצירט אין אים איינע אַליין.

גיט ער אַ שפּרונג אַראָפּ פון בעטעלע, כאַפּט אויף זיך אַרויף אַ פּאָר הייזלעך און וויל לויפן אין דרויסן.

— וווּ לויפסטו, מיין קינד, אַ נאַקעטער! — שרייט די מאַמע.

— ס׳איז היינט געקומען צו גאַסט צו אונדז, דער שיינער טאָג, לויף איך אים אָפּגעבן אַ „גוט מאָרגן״.

— דו האָסט זיך פאַרגעסן, אַז ס׳איז ווינטער. נעכטן האָסטו זיך שיר נישט אָפּגעפרוירן די אויערן, מיט די שפּיץ פינגער פון די פיס און שוין ווילסטו לויפן אַ נאַקעטער? טו זיך אָן וואַרעם, ווערסט זיך צוקילן!

די זון האָט דערוויל אַריינגעקוקט נאָך אין אַנדערע פענצטער און אַריינגעשמייכלט:

— ס׳איז איך, דער שיינער טאָג! כ׳האָב דערהאַלטן אייער טעלעגראַמע און כ׳בין אייך געקומען ראַטעווען פון די קעלטן.

די קינדער זיינען אַרויס פון די בעטן און זיך דער־פרייט:

— זע נאָר — האָבן זיי געשריגן — ווער ס׳איז דאָ! אַ שיינער טאָג כ׳לעבן, „וואַמאָ״ — היידאַ אין דרויסן אַ־רויס!.

אין אַ שעה אַרום איז שוין געווען אַ געפּילדער אויף דער גאַס, אַ געזאַנג, אַ פרייד. קינדער האָבן זיך גע־שפּילט אין קאַראַהאָר און געזונגען.

די קינדער האָבן זיך געשפּילט און די זון האָט צו זיי געשיקט שטראַלן און זיי צוגעגעבן חשק:

אָט אַזוי האָב איך ליב, פריילעך, לעבעדיק, נאָך אַ טאַנץ, נאָך אַ שפּרונג!

די קינדער האָבן זיך אָנגעשפּילט, געגאַנגען אין שול אַריין און ווידער זיך געשפּילט. אַהיימגעקומען פון דער שול — ווידער דאָס זעלבע.

אַזוי האָבן זיי פאַרבראַכט מיט דעם שיינעם טאָג ביז פאַרנאַכט צו און פאַרנאַכט האָט זיך דער שיינער טאָג געזעגנט מיט די קינדער און אַוועק צוריק צום פאָרט. ער האָט צוריק איינגעפּאַקט די זון אין דער וואַ־ליזקע און צעגויפגעקליבן די שטראַלן.

און ווי דער בייזער ווינטער האָט נאָך דערזען, אַז

דער שיינער טאָג איז שוין אויף דער שיף, האָט ער באַלד אָנגעטריבן אַ גרויסע קעלט, אַז די מאַמעס זיי- נען באַלד געלאָפן אַריינשלעפן די קינדער אין די שטיבער אַריין און זיי אָנטאָן וואַרעם.

די קינדער האָבן זיך אָנגעטאָן וואַרעם און ווידער זיך גענומען שפּילן, נאָר זיי האָבן שטאַרק געבענקט נאָך דעם שיינעם טאָג.

ווי אַזוי די גראָז און בלומען האָבן דעם ווינטער בייגעקומען

די פעלדער און לאָנקעס האָבן דערפילט אַז פון טאָג צו טאָג ווערן זיי מאָגערער. דעם קאָרן און ווייץ האָט מען שוין אָפּגעשניטן. די ערד האָט געכאַפּט אַ ציטער.

די זון, די קעניגן פון דער וועלט, קוקט צו זיי אַראָפּ און שיקט אַ פּאַלש שמייכעלע. ס'פליט אַדורך אַ קיל ווינטעלע. די גראָז און בלעטער פון די ביימער הייבן זיך אָן טרייסלען.

— שווערע, שווערע צייטן זיינען אָנגעקומען אויף אונדז — האָבן אַרויסגעלאָזן אַ זיפץ די פּראָסטע ווילדע גראָזן.

דערהערט דאָס אַ געלע בלאַט פון אַ בוים און זאָגט:

— ס׳איז אומעגלעך צו לעבן, איך בין אַלט און קראַנק. די הײנטיקע זון איז שוין נישט וואָס אַמאָל. זי וואַרעמט שוין ניט אַזוי ווי פריער, ס׳רעגנט שוין ניט אַזוי אָפט. איך פיל ווי ס׳גייט מיר אויס די כוחות. איך וועל פון טובערקולאָז צעפוילט ווערן.

פון טאָג צו טאָג פלעגט ווערן אַלץ קילער. די בלע־טער פלעגן איינציקווייז אַראָפּפאַלן געלע און פאַרדאַר־טע. די גראָזן און בלומען האָבן אָנגעהויבן וועלקן. ס׳פלעגן זיך אָפט באַווייזן ווינטן נאַסע און פוילע. אויף די פעלדער און לאָנקעס האָט געהערשט אַן אומצופרי־דנקייט.

אָפטמאָל פלעגט דער פוילער ווינט פאַרפירן דיס־קוסיעס מיט די גראָזן און בלומען.

די גראָזן און בלומען האָבן זיך פאַר אים פאַר־קלאָגט:

— וואָס וועט זיין, מיר זיינען אַרבעטסלאָז, אומ־פּרוכטבאַר. די זון איז שוין נישט די זעלבע וואָס אַמאָל. זי נאַרט אונדז. דער רעגן איז אַ קאַלטער און שטעכי־קער, און קריכט אַריין אין די ביינער. אויב מיר וועלן

אַלע אַזוי צוקוקן מיט פאַרלייגטע הענט וועלן מיר אַלע פאַרוועלקן.

די נאַסע, פוילע ווינטן פלעגן אונטערהאַלטן די גראָזן און בלומען.

— אוודאי טויג עס נישט. אויב מען זאָל אַזוי לאָזן נאָך אַ ביסל, קענען נאָך אונטערקומען די סיבירער ווינטן און דאַן איז עק וועלט.

די גראָזן און בלומען האָבן דערהערט פון די סיבי-רער ווינטן איז זיי אַרורך אַ ציטער דורכן לייב.

— וואָס דאַרף מען טאָן? — האָבן געפרעגט די גראָזן און בלומען.

דער פוילער ווינט האָט זיך אַ בלאָז געטאָן.

— ווילט איר חברים אַז ס׳זאָל ווערן צוריק זומער, טאָ לאָזט מיר, איך וועל שוין זען אַז די זון זאָל צוריק וואַרעמען און אַלץ וועט צוריק אָנהויבן בליען.

די אָפּגעשטאַנענע גראָזן האָבן באַלד מסכים גע-ווען.

דער פוילער ווינט האָט זיך דערפילט אַ סך שטאַר-קער. מיט איין שטורעם רייסט ער אויס מיט די וואָרצ-לען אַלע בלומען, אַבי ער האָט די ווילדע גראָזן איז ער שוין געגוג שטאַרק.

געלע זאַמד פלעגט אָפּט דער ווינט ברענגען, דאָס איז געווען אַ סימן פון שטורעם.

דער הימל האָט זיך באַדעקט מיט אַ גרויסער כמאַרע, ס׳איז געוואָרן פינצטער. יעדער בליץ האָט אָנגעוואָרפן אויף די בלומען און גראָזן אַ שרעק פון יעדן דונער פלעגן זיך די גראָזן איינהאָרבען.

דער ווינט מיט אַ חורבע זאַמד איז געקומען דער ערשטער. אַ דונער האָט געגעבן אַ סיגנאַל אַז ס׳הייבט זיך אָן דער שטורעם.

ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ רעגן. דער רעגן האָט זיך נוקם געווען אין זיי. די בלומען זיינען פאַר שרעק געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד.

— געוואַלד מען וועט אונדז אומברענגען! — האָבן געשריגן די גראָזן און בלומען.

די ווילדע גראָז האָט דאָס ווינציקער געאַרט.

די בלומען און גראָזן האָבן זיך גענומען בונטעווען.

— „לאָמיר פאַרטרייבן דעם שטורעם, ער וועט אונדז אומברענגען. ווו איז די זון? ווו איז דער וואַרעמער ווינט? ברידער ראַטעוועט אונדז פון שטורעם! ער וועט אונדז אומברענגען!״

עס איז שוין געווען צו שפּעט. יעדער גראָז און בלום וואָס האָט פּראָטעסטירט האָט געקראָגן מיט אַ שטיק אײַז אין קאָפּ אַרײַן. דער האָגל האָט פרײַ געוועלטיקט איבער די פעלדער.

אין אַ וואָך אַרום, איז שוין דער ווינטער געווען געננג פעסט אין זאָטל. דאָס ערשטע האָט ער אַראָפּגעלאָזט אַ שניי און אָנגעטריבן אַ שטאַרקע קעלט, אַז דאָס וואַסער איז געפראָרן געוואָרן.

די ביימער זײַנען געשטאַנען נאַקעטע טרייסלענדיק זיך פאַר קעלט, די זון פלעגט אַרויסגיין פון הינטער די וואָלקנס אַ קוק טאָן און צוריק פאַרשווינדן.

מער פון אַלץ האָבן געבענקט די קינדערלעך נאָכן זומער ס׳איז זיי געווען קאַלט צו גיין אין שול. די אָרעמע קינדער האָבן נישט געהאַט וואָס אָנצוטאָן, אין שטוב איז געווען קאַלט. ס׳האָט זיי געפעלט האָלץ צום הייצן. זיי האָבן אים געהאַסט דעם שלעכטן ווינטער וואָס האָט נאָר אָנגעבראַכט קעלט.

ביסלעכווייז האָבן די גראָזן און בלימלעך וואָס זיינען נישט אומגעקומען פון די קוילן פון האָגל צו זיך געקומען און גענומען אַ קוק טאָן ווער ס׳איז לעבן געבליבן. זיי זײַנען געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטן שניי.

אונטערן שניי האָבן זיי צווישן זיך איינגעטענהט און אָנ-געוויזן ווי פאַלש זיי זיינען פאַרפירט געוואָרן פון פוילן ווינט און איצט וועלן זיי מוזן זיין פאַרשקלאַפט און קיינמאָל נישט קאָנען זען די ליכטיקע זון.

אַ גרעזעלע האָט פאַרוועלקט אַרויסגערוקט דאָס קעפּל פון אונטערן שניי און דערזען די זון.

אַ גרוס דיר ליבע זון, פון אונדזערע חברימלעך, מיר לעבן און גרייטן זיך וואָס גיכער פטור ווערן פון בייזן ווינטער. זיי מוטיק און געגריסט פון מיליאָנען גרעזע-לעך ווי איך.

אַ שטאַרקער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן און פאַר-שאָטן דאָס גרעזעלע מיט שניי.

אַ שטיקל צייט האָט אַזוי געדויערט ווי דער ווינטער האָט מיט גוואַלד געהערשט איבער די פעלדער און לאָנקעס בלומען און גראָזן. אין דער דאָזיקער צייט האָ-בן זיך די גראָזן און בלומען שטאַרק פאַרבריטערט און באַפעסטיקט. א סך פון זיי זיינען אין דער צייט אומגע-קומען, אָבער די שטאַרקערע און מוטיקערע זיינען גע-בליבן לעבן. אַ סך ביימער האָבן געהאַט גענוג אויסצו-שטיין פון די פרעסט. ביי אייניקע האָט געפּלאַצט די הויט און אַנדערע האָבן זיך צוגעקילט און געהוסט.

מיט אַמאָל האָט דער בייזער ווינטער דערפילט, אַז די מאַכט אונטער אים ברעכט זיך. די ווינטן האָבן געביטן די ריכטונג, זיי האָבן שוין מער נישט געקאָנט זיין זיין שטיצע. דער פרילינג ווינטל איז געגאַנגען אויף אַ דועל מיטן פוילן ווינט און אים אָפּגעהאַקט די הענט און פיס אַז יענער איז געבליבן אָן לשון. די ליבע זון האָט באַקומען מער בלוט און ס׳איז געוואָרן רויטער דער פּנים אירער. זי האָט שוין מער נישט צוגעקוקט גלייכגילטיק, נאָר זי האָט געשיקט וואַרעמע שטראַלן. יענעם טאָג האָט דער שלעכטער ווינטער געכאַפּט די אמתע מפּלה און קוים אַנטלאָפן.

אַ וואַרעמער רעגן איז אַראָפּ און אָפּגעוואַשן די פאַרטריקנטע בלוט פון דער ערדס פּנים. די גראָזן און בלומען זיינען אַרויס אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד זינגענדיק דאָס ליד פון באַפרייאונג. דאָס מאַי-גלעקל האָט געהאַלטן אַ קאָנפערענץ דורך ראַדיאָ פאַר דער גאַנצער וועלט און אָנגעזאָגט דעם זיג, אַז מער וועט שוין קיין שלעכטס נישט זיין. איצט וועלן לעבן אַלע גליקלעך און צופרידן, אַלע וועלן האָבן דאָס רעכט צו געניסן פון דער ליכטיקער זון.

זעליק מאַזור

אַלם צייכן פון זיג האָבן זיי זיך צעבליט און פאַר-
שפּרייט שמעקנדיקע ריחות.

די קינדערלעך האָבן זיי באַגריסט צו זייער זיג און
זיך אויך געפרייט.

פײגל, חיות און אינזעקטן

אַ מעשה פון אַ בושל

דעם זומער איז ענג געוואָרן אין דער דירה, האָט ער זיך פאַרפאַקעוועט אין וועג אַריין. אויף דער גאַס איז געוואָרן אומעטיק. די וועלט האָט באַקומען אַ געל פנים. די פייגעלעך האָבן גענומען זייער קלאַפּערגעצייג און באַגלייט דעם זומער אין די וואַרעמע לענדער.

דער האַרבסט האָט דערזען, אַז עס האָט זיך אָפּגעליידיקט די דירה, האָט ער זיך הענדום־פענדום אַריינגעצויגן אַהין. די שכנים האָבן געדרייט מיט די נעזער. די גראָזן זיינען בלאַס געוואָרן און קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידן. די בושלען, אויס פּראָטעסט, האָבן זיך אויך געקליבן אין וועג אַריין.

אויף אַ ברייטער לאָנקע נעבן טייכל האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט.

— קלאַן, קלאַן — ווער פעלט? — האָט דער עלצ־טער בושל געפרעגט ביי די איבעריקע.

אַלע טאָג פלעגט פאָרקומען די זעלבע צערעמאָניע. ענדלעך זיינען זיך צענויפגעקומען אַלע בושלען פון דער געגנט.

— קלאַן, קלאַן, שטעלט זיך אויס אין אַ ריי! — האָט דער עלצטער בושל באַפוילן.

די בושלען האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי.

— קלאַן, קלאַן... זייט וויסן, אַז מיר מוזן איצט פאַר־לאָזן דאָס לאַנד, מיר מיטן האַרבסט האָבן נישט וואָס צו טאָן. מיר מוזן איצט פליען צום זומער. די שטרעקע איז אַ וויטע. מיר דאַרפן פליען איבער בערג און טאָלן, ימען און טייכן. עס קען אונדז נאָך טרעפן אַן אומ־גליק. און כדי, מיר זאָלן זיין זיכער אין וועג מוזן מיר אי־בערלאָזן איינעם פון אונדז פאַר אַ קרבן.

— קלאַן, קלאַן! — מיר זיינען מסכים, — האָבן די בושלען געענטפערט.

— קלאַן, האָט דער עלצטער אַ מאַך געטאָן מיטן לאַנגן שנאָבל.

די בושלען האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי.

דער עלצטער בושל האָט גענומען וואַרפן גורל. ער האָט אָנגעפיקט יעדן בושל מיט זיין שנאָבל אַזוי פיל מאָל. צום לעצט האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ קליין באַטשאַנדל וואָס איז געשטאַנען אויף איין פוס ציטערדיק פון קעלט.

אַלע בושלען זיינען צו אים צוגעלאָפן און אָנגעהויבן שטאַרק שלאָגן מיט די שנאָבלען. דער בושל איז געפאַלן אַ פאַרחלשטער. די בושלען זיינען אַוועקגעפלויגן ווייער וועג.

עס איז אָנגעקומען אַ פויער פון פעלד, דערזען דעם בושל אַ צעשלאָגענעם האָט ער אים אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן אַהיים.

דער גוטער פויער האָט אים געלייגט קאָמפּרעסן צו די וווּנדן און געהיילט מיט פאַרשידענע געוויקסן, ביז ער איז געזונט געוואָרן.

אַ גאַנצן ווינטער האָט אים דער פויער געהאַלטן אין שטוב, געגעבן עסן און זיין קליין קינד פלעגט זיך שפּילן מיט אים.

דער בושל איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן הויך און שיין.

ענדלעך האָט זיך דער ווינטער געמוזט אָפּטרעטן און אַוועקפּעקלען און אָפּליידיקן די דירה פאַרן פרילינג.

אויף דער גאַס האָט געשיינט די זון, אַ פרישע געבוירענע. די ערד האָט גענומען אַרויסגעבן פאַרשידענע געוויקסן, אַ פרילינג ווינטל האָט פריילעך געטאַנצט, אָנזאָגנדיק גוטע פריידן.

די בושלען זיינען די ערשטע געקומען צו-גאַסט און אָנגעזאָגט אַז דער פרילינג גייט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין די אַלטע וווינונגען.

דער גוטער פויער האָט אויך באַפרייט דעם בושל און אים געלאָזן פליען פריי צו זיינע חברים.

צוויי טעג האָט דער בושל אַרומגעפלויגן און זיך נישט דערנענטערט צו די איבעריקע. די בושלען האָבן אים באַמערקט און גלייך דערקענט. זיי האָבן באַשטימט אַ משפּט.

— קלאַן! — האָט באַפוילן דער עלצטער בושל. די בושלען זיינען זיך צענויפגעפלויגן אויף דער לאַנקע נעבן טייכל.

— קלאַן, קלאַן! — דער דאָזיקער בושל האָט אונדז פאַראַטן. מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז טויט און צום

סוף האָט ער אונדז אָפּגענאַרט און ער לעבט צוריק.
וואָס זאָלן מיר אים טאָן דערפאַר? — האָט געפרעגט
דער עלצטער.

— קלאָן, קלאָן, קלאָן! — טויטן! טויטן! — האָבן
אַלע געשריען.

דער עלצטער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן שנאָבל.

די בושלען האָבן אים באַפאַלן און געטויט אויפן
אָרט.



פהאָט מיר אַ מיידעלע דערציילט:

— ביי אונדזער שכנה פּילאַר איז דאָ אַ קאַץ, האָט זי אַלע מאָל קעצעלעך. גייען מיר אויס די אויגן נאָך אַ קליין קעצעלע. דאָס קעצעלע זאָל אַרומלויפן אין שטוב, זיך שפּילן מיט דער פּילקע. איך זאָל עס נעמען אויף די הענט, גלעטן, שטענדיק חבר זיין.

מיין מאַמע איז אָבער קעגן. אַ קעצעלע — זאָגט זי — מאַכט אָן אַ סך שאָדן און ווייטער גאָרנישט.

איינמאָל, ווען מיין שכנהס קאַץ האָט געבוירן דריי קעצעלעך, האָט זי מיר געשענקט אַ שוואַרץ קעצעלע.

איך האָב עס געקושט און מיט פרייד אַהיימגעבראַכט.

— זעסט, מאַמע — זאָג איך — ס'אַרא שיין קעצעלע כ'האָב געבראַכט.

— גיי, טראָג עס שוין צוריק אַוועק! — זאָגט די מאַמע מיט כעס.

איך האָב אָנגעהויבן וויינען.

— איך דאַרף נישט קיין שוואַרצע קעץ אין שטוב — זאָגט די מאַמע.

— און אַ ווייס-שוואַרצע האָסטו ליב?

— אַ ווייס-שוואַרצע, יאָ.

איך בין מיט אַ פרייד אַוועקגעלאָפן צו דער שכנה און איבערגעביטן דאָס שוואַרצע קעצעלע אויף אַ שוואַרץ-ווייסע.

אַזוי האָט מיין מאַמע מיר דערלויבט צו האַלטן אַ קעצעלע אין שטוב.

יענער טאָג איז געווען ביי מיר אַ יום-טוב. כ'האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיטן קעצעלע. כ'האָב עס געגעבן מילך פון אַ טעצעלע, האָט עס געטרונקען. כ'האָב עס גענומען אויף דער שויס און עס געגלעט, איז עס געווען צופרידן. נאַכהער האָט זיך עס געשפּילט

מיט דער פּילקע. ס׳איז געווען אַ מחיה צו קוקן ווי דאָס קעצעלע שפּילט זיך מיט דער פּילקע.

אַזוי האָב איך זיך געשפּילט מיט דאָס קעצעלע עטלעכע טעג. קיין לעקציעס האָב איך נישט געמאַכט און קיין גרויסן חשק אין שול צו גיין, האָב איך אויך נישט געהאַט.

זאָגט צו מיר די מאַמע:

— אַ גאַנצן טאָג מיט דער קאַץ. אפשר וועסטו מאַכן די לעקציעס, וועסט נאָך באַקומען אַ קעצישן מוח.

דערהערט אַזאַ זאַך, בין איך באַלד געלאָפן מאַכן די לעקציעס. איך זיץ אַזוי און שרייב, פּאַף!... מיין קעצל איז דאָ אויפן טיש און באַלד איבערגעקערט דעם טינ־טער גלייך אויפן העפט אַרויף. פאַרשטייט זיך אַז עס האָט מיך פאַרדראָסן, האָב איך געכאַפּט ס׳קעצל און עס אָנגעשלאָגן. פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן מיט דער קאַץ שלעכט זיך צו באַגיין.

די קאַץ האָט מיר אָנגעהויבן דערגיין די יאָרן. האָב איך געוואָלט שפּילן מיט דער פּילקע, די קאַץ שפּילט זיך מיט איר. האָב איך זיך געוואָלט זעצן אויפן אָנלען־שטול, די קאַץ ליגט זיך גרויסאַרטיק און שלאָפט. האָט

מען מיר אָנגעגאָסן מילך צו טרינקען, האָט עס אויסגע-טרונקען די קאַץ.

די מאַמע איז געווען זייער צופרידן. אַבי וואָס, פלעגט זי מיך שרעקן מיט דער קאַץ.

— טאָכטער, ביז ווען וועסטו נאָך שלאָפן, שוין צייט אויפצושטיין. אָט שיק איך די קאַץ צו דיר — פלעגט מיך שרעקן די מאַמע.

איך בין באַלד אויפגעשטאַנען.

— וויפל מאָל דאַרף איך ריידן צו דיר! שוין אַ שעה, זוי כ'האָב דיר אָנגעגאָסן די מילך מיט קאַווע, גיי טרינק אַ ניט טרינקט אויס די קאַץ.

איך בין געגאַנגען טרינקען.

מיידל, גיי שוין אַמאָל מאַכן די לעקציעס! — שרייט צו מיר די מאַמע — אַניט שיק איך די קאַץ, וועט זי מאַ-כן פאַר דיר.

איך ווייס אַז דאָס שמעקט מיט פאַרפלעקן די העפטן מיט טינט און די לערערקע וועט מיר נאָך שטע-לן אַ שלעכטע נאָטע, גיי איך שוין מאַכן די לעקציעס.

כ'האָב זיך אויפגעהערט שפילן מיט דער קאַץ.

פון דעם איז אַריבער אַ סך צייט. די מאַמע האָט מיר

געקויפט אַ ליאַלקע און איך האָב זיך געשפּילט מיט איר. דאָס קעצעלע איז דערווייל געוואָרן מער לייט. זי טרינקט שוין ניט אויס מיין מילך, נאָר זי טרינקט פון אַ טעצעלע, וואָס איך גיב איר אַלע טאָג.

אָט דאָס איז די גאַנצע מעשה פון מיין קעצעלע וואָס טרינקט שוין מילך פון אַ טעצעלע.

דאס קראנקע העזעלע.

ווען משהלע האָט שפּאַצירט אין וואַלד האָט ער דערזען אַ פאַרבלוטיקט העזעלע לויפן און קוויטשען. ער איז צוגעלאָפן, געכאַפּט דאָס העזעלע, פאַרבונדן די ווונדן און עס אהיים געבראַכט.

משהלע איז געווען זייער צופרידן, ער האָט עס אַריינגעטאָן אין אַ שטייג געגעבן צו עסן און זיך געשפּילט מיט אים.

זיין חבר בערעלע האָט זיך באַלד פון דעם דערוווּסט און איז געקומען צו לויפן.

— משהלע — האָט ער זיך ביי אים געבעטן — ווייז מיר דיין העזעלע, וואָס דו האָסט געכאַפּט אין וואַלד!

משהלע האָט אָפּגעענטפערט צעפּרידן:

— כ'וויל דיר נישט ווייזן.

— פאַרוואָס?

— ווייל דו ביסט אַ בערעלע און קענסט נאָך אויפּ־עסן מיין העזעלע.

— גיי שוין, גיי, מען רופט מיר נאָר בערעלע, אָבער איך בין אַזאַ יינגעלע, ווי דו.

— יאָ — זאָגט משהלע — אַ מענטשיש בערעלע קען אויך אויפעסן אַ העזעלע.

— אָבער איך וועל עס נישט אויפעסן בלויז זיך שפּילן מיט אים וועל איך.

— מיין העזעלע איז קראַנק. ער האָט זיך צעשלאָגן מיט נאָך אַ העזעלע און יענער האָט אים צעביסן די מאָרדע.

— לאָמיר אים אויסהיילן און ער וועט זיין אויף שות־פות — מיר וועלן זיך ביידע מיט אים שפּילן.

— גוט לאָמיר אים אויסהיילן — האָט משהלע איינ־געשטימט.

משהלע מיט בערעלען האָבן גענומען אַ שמאַטקע מיט אַ ביסל וואַסער, אַרומגעוואַשן די פאַרבלוטיקטע ווונד פון העזעלע, נאָכדעם האָבן זיי אויסגעריסן . עט-



לעכע „באַבסקע בלעטלעך" עס צוגעלייגט און פאַר-באַנדאַזשירט די מאָרדע.

בערעלע האָט אַלע מאָל געטאַפּט דאָס פּיסל פון העזעלע, געוואָלט זען, צי ס'קלאַפּט ביי אים דער פּולס...

— ווייסט — זאָגט משהלע צו בערעלען — דאָס הע

זעלע איז שטאַרק קראַנק! מען דאַרף אים צולייגן אייז צום קאָפּ, ווער וויים צי ער וועט דאָס איבערטראָגן.

ער האָט באַלד געבראַכט אַ פּענכער מיט אייז-און עס צוגעלייגט צום העזעלעס קאָפּ.

ס'איז אַוועק אַ וואָך צייט. משהלע מיט בערעלען האָבן נישט אָפּגעטראָטן פון העזעלע אים געהיט ווי די אויגן אין קאָפּ. געגעבן עסן צו דער צייט, געלייגט אייז צום קאָפּ. איבערגעביטן די „באַבסקע בלעטלעך”, גע-ביטן די באַנדאַזשן.

דאָס העזעלע איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך, ביז עס איז אין גאַנצן געזונט געוואָרן. דאָס העזעלע איז פריי-לעך אַרומגעלאָפן אין הויף. געגעסן גראָז און אַנדערע שפּייז. וואָס משהלע און בערעלע האָבן אים געבראַכט. ער איז זייער דאַנקבאַר געווען זיינע פריינט, וואָס האָבן אים געראַטעוועט דאָס לעבן, נאָר ס'איז אים געווען זייער אומהיימלעך. ער האָט געבענקט נאָכן וואַלד, נאָכן פעלד. ער האָט געוואָלט זיין פריי, אומלויפן מיט זיינע חברים האָזן און ער האָט געזוכט זיך צו באַפרייען.

איינמאָל, ווען קיינער איז נישט געווען אין הויז, האָט זיך דאָס העזעלע אַרויסגעגנבעט און אַנטלאָפן צוריק אין וואַלד אַריין.

משהלע און בערעלע האָבן לאַנג געבענקט נאָכן העזעלע און שטאַרק געגליבט, אַז דאָס העזעלע וועט געדענקען, וואָס זיי האָבן פאַר אים געטאָן און צוריק קו-מען.

זיי האָבן געוואַרט אָבער דאָס העזעלע איז נישט צו-ריק געקומען.

דאָס יעגער ייִנגל און דער הונט

פאַנטשאָס טאַטע איז געווען אַ יעגער. פאַנטשאָ איז אַלע טאָג מיטגעגאַנגען מיט זיין טאַטן אין וואַלד און געהאָלפן פאַנגען פייגלען, האָזן און אַנדערע חיות.

פאַנטשאָ האָט געהאַט אַ הייס געליבטן הונט; אַ הויכער, אַ דאַרער, סוק האָט ער געהייסן. פאַנטשאָ האָט אים געליבט ווי זיין גאַנץ לעבן. ער האָט געגעסן, זיך געשפּילט און געשלאָפן צוזאַמען מיט סוקן.

סוק איז געווען אַ געטרייער הונט און האָט דערפילט זיין אַרבעט מיט ליבשאַפט.

ביים יאַגד איז פאַנטשאָ מיטן הונט געלאָפן ברענגען די דערשאָסענע פייגל. דער הונט האָט זיך שטענדיק געפלייסט איבעריאָגן פאַנטשאָן און בעסער אויספירן זיין אַרבעט.

פאַנטשאָן איז געגאַנגען אין לעבן איבעריאָגן סוקן. אָבער עס איז אים געווען אומעגלעך.

סוק, געשיקט ווי אַ פייל פון בויגן האָט שטענדיק געוווּנען. פאַנטשאָן האָט דאָס געקרענקט.

איינמאָל ווען סוק האָט געוואָלט אָנכאַפּן אַן ערשט דערשאָסענעם אָדלער און ברענגען צו פאַנטשאָס טאַטן. דער אָדלער איז נאָך אינגאַנצן נישט געווען טויט. האָט ער געקראָגן פון אָדלער אַ שנאָל מיטן שנאָבל אין פוס. סוק האָט שטאַרק אָנגעהויבן בילן און אַנטלויפן. פאַנטשאָ האָט דאָס באַמערקט. ער איז גיך צוגעלאָפן, פאַרבונדן סוקס פוס מיט אַ שמאַטקע און אים גע־געבראַכט צו זיין טאַטן.

כאָטש ער האָט סוקן געקושט און געגלעט האָט אים טיף שטאַרק געפרייט, וואָס סוק וועט איצט נישט קענען לויפן ווי פריער און ער וועט אים קענען איבער־יאָגן.

אַלע טאָג ביים יאַגד איז פאַנטשאָ אַליין געלאָפן און געבראַכט די דערשאָסענע פייגל. סוק האָט צוגעקוקט מיט אומעטיקע אויגן און ס׳האָט אים שטאַרק וויי גע־טאָן.

פאַנטשאָ האָט געדאַרפט לויפן שטרעקעס און

אָפּטמאָל געקומען אַ שטאַרק מידער צוריק. ער האָט אָנגעהויבן דערפילן ווי שטאַרק נוצלעך אַ הונט איז. ער האָט זיך שוין נישט געפרייט וואָס דער הונט קען נישט לויפן. נאָר אים אָפּגעהיט עס זאָל וואָס גיכער זיך פאַר-היילן די וווּנד און ער זאָל ווייטער קענען העלפן אין יאַגד.

ענדלעך איז דער הונט געזונט געוואָרן און ווי פרי-ער איז פאַנטשאָ, זיין פאָטער און הייס געליבטן הונט, סוק, פריי אַרומגעלאָפן אין וואַלד און געשאָסן אַ סך פייגלען און חיות.

פאַנטשאָ האָט איצט פאַרשטאַנען ווי נוצלעך אַ הונט איז פאַר אַ יעגער.

דער קאָמאַר פון זומפּ

א קאָמאַר פון אַ זומפּ האָט זיך פאַרגלוסט מאַכן אַ שפּאַציר אין שטעטל אַריין.

דער וועג איז געווען אַ ווייטער, האָט ער אויסגעקליבן אַ טאָג מיט אַ שטאַרקן ווינט, ס'זאָל אים זיין לייכטער דאָס פליען.

געפלויגן האָט דער קאָמאַר אַ גאַנצן טאָג. פאַר־נאַכט צו. די זון האָט זיך שוין געהאַלטן אין זעצן, איז ער אָנגעקומען אין שטעטל.

דערזען די ערשטע שטוב, האָט ער זיך זייער דער-פרייט.

— כ׳וועל מיר אַביסל אָפּרוען, זיך אביסל אַרומ-פּולען פון וועג און נאַכהער וועל איך אַ פלי-טאָן, זען וואָס הערט זיך עפּעס אין שטעטל — האָט דער קאַ-מאַר צו זיך אַליין גערעדט.

ער פליט אַרויף אויפן פענצטער.

ס׳איז אים געווען אַזוי פריילעך אויף זיין נשמהלע, אַז ער האָט זיך שטאַרק צעזונגען:

— ז.ז.ז.ז.ו.ם...

אין צימער איז געווען טונקל. אין מיטן איז גע-שטאַנען אַ וויגעלע מיט אַ טול איבערגעדעקט. אַ קינד האָט אינעווייניק געשמאַק געשלאָפן. שלאָפעדיקער-הייט האָט עס מיטן הענטעלע אַראָפּגעשאַרט דעם טול פון זיך און ס׳איז געבליבן מוטער-נאַקעט.

— סאַראַ שיין קינד — האָט באַוואונדערט דער קאָ-מאַר — אָט גיי איך עם אַ קוש טאָן...

דער קאָמאַר איז ארויפגעפלויגן אויפן קינדס בעקע-

לע. דאָס קינד איז געשמאַק געשלאָפן. די מוטער האָט צוגעגרייט דאָס עסן אין קיך.

דער קאָמאַר האָט אָנגע-הויבן איינטענהן מיטן קינד:

— ווי שיין דו ביסט, קליין מלאכל, סאַראַ רויטע בעקע-לעך דו האָסט, אַ נעזעלע אַ געטאָקטער, און די ליפּעלעך רויט, ווי קאַרשעלעך. איין קו-שעלע און איך פלי אַוועק פון דיר. אַ רחמנות דיך אויפ-וועקן פון שלאָף.

דער קאָמאַר קוקט זיך אום. אין צימער איז קיינער נישט געווען. ער האָט געקושט דאָס קינד:

— סאַראַ זיס פלייש דו האָסט, ווי באַ-נוגנט מען זיך מיט אַ קוש. אַזאַ קינד איז ווערט אַ ביס אויך...

דער קאַמאַר האָט אָנגעהויבן בייסן דאָס קינד.

דאָס קינד האָט דערפילט דעם ביס און מיטן הענ-טעלע אַראָפּגעטריבן דעם קאַמאַר.

דער קאַמאַר איז אויף זיך אַליין געוואָרן אין כעס.

— סאַראַ נישט קיין דערצויגענער איך בין, אַ קינד האָט פיינט אַז מען בייסט אים, נאָר זיסע קושעלעך האָט ער ליב.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן צווייטן זייט בעקל פון קינדס פּנימל.

זיך אָנגעזויגן מיטן קינדס בלוט, איז ער אַוועקגע-פלויגן אַ צעפרידענער.

אויף מאָרגן, ווען ער איז געקומען צוריק צום זומפּ האָט ער דערציילט זיינע ברידערלעך און שוועסטער-לעך וועגן זיין שפּאַציר אין שטעטל און וועגן די שיינע קינדערלעך אין די שלאָף-וויגעלעך, וועלכע זיינען זיי-ער ליבע און האָבן ליב אַ סך קושן.

די קאַמאַרעס האָבן אים אויפמערקזאַם אויסגע-הערט און שטאַרק מקנה געווען פאַר זיין געוואַגטקייט.

— סאַראַ דיקייט! — האָבן אים באַוואונדערט די קאַ-מאַרעס.

— אויב איר ווילט קען איך אייך אָוועקפירן אַהין. דאָרטן זיינען דאָ אַ סך קינדערלעך, וואָס וואַרפן אַראָפּ די טולן ווען זיי שלאָפן. דעמאָלט קענען מיר זיי קושן וויפל אונדזער האַרץ גלוסט.

די קאָמאַרעס האָבן איינגעשטימט און געגרייט זיך אין וועג אַריין.

דער ערשטער איז געפלויגן דער דיקער קאָמאַר, וואָס האָט זיך אָנגעזויגן מיטן קינדס בלוט.

דאָס מאָל איז דער ווינט געווען אין אַ צווייטער ריכטונג, האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד.

אָנקומענדיק אין וואַלד, האָט שוין דער דיקער קאָמאַר מער נישט געקענט אויסהאַלטן און האָט זיך אָנגעשטויסן אין ערשטן בוים, וואָס איז אים אַנטקעגן געקומען.

אין וואַלד האָט געגעבן אַ הילכיקן קלונג אָפּ. אַלעביימער האָבן גענומען ציטערן.

דער גראָבער קאָמאַר איז אַנידער געפאַלן נעבן בוים אַ פאַרחלשטער, פאַרלירנדיק אַ סך בלוט.

די קאַמאַרעס האָבן גענומען לייגן קאָמפּרעסן צו

די װוּנדן. זײ זײַנען געװען אַזױ איבעראַשט, אַז זײ האָבן נישט געװוּסט, װאָס צו טאָן.

באַלד זײַנען אָנגעקומען אַ מחנה בינען.

— זום - זום — זום...

— שאַ! — האָט אײן קאָמאַר צו זײ באַפוילן.

— װאָס האָט פּאַסירט? — האָבן געפרעגט די בי-נען.

— איר זעט ניט, װי ס׳ליגט קראַנק אונדזערער אַ חבר.

— ער האָט אונדז געפירט װײַזן שײנע קינדערלעד אין שטעטל, טרעפט אַזאַ אומגליק, אַז ער צעקאַליע-טשעט זיך און מיר אָן אים, װײסן נישט דעם װעג.

די בינען האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ. זײ האָבן זיך אַלע אױסגעזעצט נעבן קראַנקן חבר.

— װי אַזױ קען מען אים ראַטעװען? — האָבן גע-פרעגט די קאָמאַרעס.

— שיקט צװײ קאָמאַרעס אין אַפּטײק נאָך רפואות, און דערװײַל לײגט צו קאָמפּרעסן, — האָבן געזאָגט די בינען.

צװײ קאָמאַרעס זײַנען גיך אַװעקגעפלױגן אין אַפּ-

טייך אַריין. די איבעריקע זיינען געבליבן זיצן נעבן קראַנקן.

— ווי פילסטו זיך? — האָבן אים אַלע ווײַלע גע־פרעגט די קאַמאַראַדעס.

דער צעשלאָגענער קאַמאַר איז געלעגן באַוווּסט־לאָז.

אין אַ פערטל שעה אַרום זיינען געקומען די צוויי קאַמאַרעס און געבראַכט מאַריאַנע טראָפּנס, זיי האָבן אים צוגעלייגט צום נאָז.

דער קאַמאַר האָט דערפילט דעם ריח, האָט ער גע־עפנט די אויגן און פרייער אָפּגעאָטעמט.

אַלעמענס בליקן איז געווענדעט געווען צו אים.

— אַך, ברידערלעך, — האָט זיי דער קראַנקער קאָ־מאַר געזאָגט — צו געוואַגט בין איך געווען. פון יענעמס בלוט האָב איך געוואָלט לעבן און אייך נאָך אָנגעערעדט דערצו. איצט, מוז איך מיטן לעבן באַצאָלן.

ער האָט אַ שטאַרקן זיפץ געטאָן און געשטאָרבן.

די קאַמאַרעס האָבן אים געבראַכט צו קבורה. נאָכ־דער האָבן זיי זיך צוריק אומגעקערט אין זומפּ און מער שוין נישט געוואָלט פליען אין שטאָט אַריין צוזיבן דעם

שלאָף ביי די קינדער אין די וויגן. זיי האָבן זיך דאָרטן נעמערט און געלעבט גליקלעך און צעפרידן.

די בינען האָבן זיך געפילט שטאַרק געטראָפן, וואָס זייער אַ משפחה-מיטגליד האָט געוואָלט לעבן פון יענעמס בלוט. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זיי מוזן דערפאַר איבערבעטן די קינדערלעך.

די בינען האָבן זיך אַרויסגעלאָזן איבער די פעל-דער צו די בעסטע בלומען, זיך אָנגעזאַפט מיט די בעס-טע זאַפטן און נאַכהער אָנגעלייגט פולע בינשטאָקן מיט האָניק.

די קינדערלעך האָבן עס מיט אַפּעטיט געגעבן און זיינען געוואַקסן גרויס, שיין און קרעפטיק.

דער פייגל־שרעקער

אין אַ גאָרטן וו ס'האָבן געוואַקסן פּראָסע, מערן, סאַלאַט, אוגערקעס, בוריקעס, קרויט, אַרבעס, מאָן, און בעבלעך, פּלעגן קומען פייגעלעך און אַלץ אויפעסן.

דער גערטנער האָט געטראַכט און געטראַכט, ביז ער האָט אויסגעטראַכט אַ גולם אַזאַ, וואָס זאָל מאַכן מיט די הענט, — מיט די פיס, מיטן קאָפּ און זיך שאָקלען מיטן קערפּער ווען ס'איז דאָ אַ שטאַרקער ווינט.

— איצט האָט דער גערטנער געטראַכט — וועלן זיי שוין מער נישט קומען.

דער גערטנער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. פון האָלץ אויסגעשניצט אַ קאָפּ, אַ קיילעכיקן קערפּער. פון צוויי ברעטלעך האָט ער געמאַכט הענט מיט פינ-

גער. ער האָט דעם קאָפּ צוגעפּעסטיקט צום קערפּער מיט אַ ספּרונזשינע, די הענט און די פיס אויך אַזוי, אַז ביי־יעדן בלאָז פון ווינט האָט זיך באַוויגן דער קערפּער.

דעם גולם האָט ער אָנגעטאָן אַן אַלטע פּאָר הויזן, אַ רעקל, אַן אַלטע שליאַפּע אויפן קאָפּ, אַזוי אַז פון דער ווייטנס האָט מען געקענט מיינען, אַז אַ מענטש באַ־וועגט זיך.

נאָכדעם האָט ער דעם גולם אַריינגעשטעלט אין גאָרטן, אויסגעגראָבן אַ גרוב און איינגעגראָבן די פיס אַזוי, אַז דער גולם זאָל נישט אומפאַלן.

אַ פייגעלע, וואָס איז געווינט געווען צו קומען זוכן שפּייז אין גאָרטן, איז ווי שטענדיק אַראָפּגעפלויגן און גענומען פּיקן פון פּראָסע וואָס האָט שוין געהאַלטן אין צייטיק ווערן. ס'איז אַדורך אַ שטאַרקער ווינט און דער גולם האָט זיך גענומען שאָקלען. דאָס פייגעלע האָט זיך איבערגעשראָקן און אַרויף אויף אַ בוים.

אויף אַ צווייט צווייגל פון בוים איז געשטאַנען נאָך אַ פייגעלע. זיי האָבן זיך באַגריסט:

— וואָס טוסטו דאָ שוועסטער מיינע? — האָט איין פייגעלע געפרעגט דעם צווייטן.

— איך בין הונגעריק — האָט דאָס צווייטע פייגעלע געענטפערט.

— ווער איז עס דער דאָזיקער פאַרשוין דאָרט אינ־מיטן גאָרטן? עפּעס אַ נייער גאַר.

ביידע פייגעלעך האָבן זיך אויף אים אומגעקוקט.

— זע נאָר סאַראַ שלעכטער ר׳איז: וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן.

— וואָס וועט איצט זיין?

— מיר וועלן מוזן הונגערן.

— לאָמיר אים באַפאַלן און אויספּיקן די אויגן.

דער גולם האָט אויף זיי געקוקט מיט אויסגעגלאָצ־טע אויגן.

— איך האָב מורא, ער איז אַ שלעכטער.

ס׳האָט געגעבן אַ יאָג אַ שטאַרקער ווינט און דער גולם האָט זיך שטאַרק צעשאָקלט.

די פייגעלעך האָבן זיך דערשראָקן און אַוועקגע־פלויגן.

באַלד איז באַוווסט געוואָרן די נייס צווישן אַלע פייגעלעך. אַלע האָבן אָנגעהויבן דערציילן וועגן אים שלעכטע זאַכן. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט שרעק־

לעך שלעכטע אויגן. וועגן זיין שלעכטסקייט איז אומ-געגאנגען אַן אַ שיעור לעגענדעס. אַ סך האָבן געזאָגט, אַז ער עסט אויף אַלע פייגעלעך און נאָך אַזעלכע זאַ-כן. פיל פייגעלעך האָבן געוויכט דעם גאָרטן, מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן אַהין, דער שלעכטער גולם זאָל זיי נישט פאַרניכטן.

די פייגעלעך האָבן גענומען צוהונגערן. די קליינע קינדערלעך האָבן נישט געוואָלט וויסן פון גאָרנישט און געפישטשעט, מען זאָל זיי געבן עסן. די מאַמעס האָבן געוויינט פאַר ווייטיק, נאָר ס׳איז נישט געווען קיין מיטל.

ווען דער הונגער איז שוין געווען נישט איבערצו-טראָגן און די פייגעלעך האָבן שוין נישט געהאַט וואָס אַנצוּווערן, האָבן זיי באַשלאָסן אַז איינמאָל פאַר אַלע-מאָל, זיי מוזן בייקומען דעם מענטש און באַקומען ווי-טער די פרייהייט צו פליען אין גאָרטן און עסן פון פראַ-סע ווי אין די פריערדיקע גוטע צייטן.

די פייגעלעך, האָבן מחנותווייז — ווער מיט בלאַטע, ווער מיט שטיינער, ווער מיט פייער אין מויל — זיך גע-לאָזט אין וועג אַריין.

דאָס איז געשען נאָך אַ דריי טאָגיקן רעגן. די ערד

איז געווען נאַס. ס׳איז אָנגעלאָפֿן אַ שטאַרקער ווינט און איבערגעקערט דעם פֿייגל-שרעקער מיטן פּנים אַראָפּ.

די פֿייגעלעך האָבן זיך מיט אַמאָל אַראָפּגעלאָזט אין גאָרטן און געטראָפֿן דעם פֿייגל-שרעקער ליגן אויף דער ערד.

— ער ליגט! — האָט איין פֿייגעלע אויסגעשריגן.

— דער גערטנער האָט אונדז אָפּגענאַרט!

— ס׳איז אַן אָנשיקעניש אַזאַ!

— ווי פֿאַרנאַרט מיר זיינען געווען און געדאַרפֿט לײַדן הונגער!

— זע נאָר סאַראַ רײַכער גאָרטן! — האָט איין פֿייגעלע זיך צעשריגן באַקוקנדיק אַלץ — פּראָסע, מערן, סאַלאַט, אוגערקעס, בורעקעס, מאָן, בעבלעך, אַרבעס, קרויט — פֿון וואָס איר ווילט נאָר און צוליב אַזאַ שטיק האָלץ האָבן מיר געדאַרפֿט לײַדן הונגער. חברים, עסט און טרינקט און לאָזט זיך וווילגיין. ס׳איז אַלץ אונדזערס. עסט פֿאַר די טעג וואָס איר האָט געהונגערט.

די פֿייגעלעך האָבן געגעסן, געבויט דערנעבן נעסטן און געלעבט פֿריי, גליקלעך און צופֿרידן.

װען דער גערטנער האָט נאָך אַמאָל אַװעקגעשטעלט אַ פֿייגל־שרעקער, האָבן זיי שוין מער פֿאַר אים זיך נישט געשראָקן, נאָר פֿאַרקערט, נאָכן גוט זיך אָנעסן, פֿלעגן זיי זיך צװזעצן אויפֿן גולמס קאָפּ און זינגען לידער.

אין קאלאניע

שיילקע וויל נישט ווערן קיין היישעריק

שיילקע איז דער גרעסטער שטיפער אין קאלאניע. אממיינסטן דערגייט ער די יארן די מאמע: פאלגט נית, זיצט קיינמאל נישט איין אויף קיין פלאץ, קריכט ווו מען דארף נישט. די מאמע בייזערט זיך אויף אים און שרייט!

— דוסט איינזיצן אויף א פלאץ! וואס פלאנטערסטו זיך צווישן די פיס! היישעריק וואס דו ביסט!

שיילקע מאכט זיך נישט קיין צימעס פון דער מאמעס רייד און טוט וואס אים געפעלט. ער פארווארפט זי מיט פראגן:

— מאמע! וואס איז אזוינס א היישעריק?

הלוואי וואלטן מיר פון דעם נישט געוווסט, וואלטן

מיר אַ סך צופֿרידענער געלעבט. — ענטפֿערט אים די מאַמע בייז.

— אָבער וואָס איז אַזוינס אַ היישעריק? — פֿרעגט שײלקע ווייטער.

די מאַמע ווערט בייז און זאָגט:

— כ׳וועל דיר זאָגן, נאָר זאָלסט מיר מער נישט פֿרעגן. אַ היישעריק איז אַזאַ בחור ווי דו, וואָס לאָזט גאָר־נישט דער מאַמען טאָן און דערגייט איר די יאָרן.

שײלקע איז נישט צופֿרידן און זוכט זיך איבערבעטן מיט דער מאַמען.

— כ׳וועל שוין זיין אַ גוט קינד, כ׳וועל דיר אַלץ פֿאָלגן, אַבי זאָג מיר וואָס איז אַ היישעריק.

— אַ היישעריק איז אַזאַ אינזעקט וואָס עסט אויף די תּבֿואה אויף די פֿעלדער.

— איך עס דאָך נישט קיין תּבֿואה, פֿאַרוואָס רופֿסטו מיך היישעריק?

— דוסט געזען אַ קליפּע, מען קען זיך פֿון דעם נישט אָפּטשעפּען. דוסט מיר אויפֿהערן נודזשען מיט דיינע פֿראַגן. איך זאָג דיר, אַז דו ביסט ערגער ווי אַ היישעריק. אַ היישעריק קומט און עסט אויף די תּבֿואה און פֿליט

אַוועק און דו עסט מיר אַ גאַנצן טאָג דאָס האַרץ און מען קען זיך פון דיר נישט אָפּטשעפּען.

שפּעטער איז שיילקע אין כעס אַוועק אין קאָלאָניע זיך שפּילן מיט זיינע חברים.

שפּעט ביינאַכט איז ער צוריק אהיים געקומען אַ מי־דער שלאָפן. ווען ער איז איינגעשלאָפן האָט זיך אים אַזוי געחלומט:

אויף די פעלדער, אין קאָלאָניע, האָט געהאַלטן אין סאַמע בליען. קיין רעגנס האָבן נישט געפעלט און די „קאָסעטשע" איז געווען אַ געראָטענע. די קאָלאָניסטן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט אַ סך פּלענער. און אָט אין אַזאַ מין טאָג, נישט ריכטנדיק זיך גאָר, איז דער הימל געוואָרן שוואַרץ. ס'איז אָנגעקומען אַ שוואַרצע כמאַרע פון היישעריקן. אַלע האָבן זיך אַפּגעזעצט אויף די פעל־דער און גענומען פרעסן פון זיי און ער, שיילקע, שטייט און קוקט עס אַלץ צו. מיט אַמאָל גיבן אים אַ רינגל אַרום אַ מחנה היישעריקן, שלעפּן אים פאַר די אויערן אַרויף אין דער הויך און פליען מיט אים אַוועק. אויף אַ געדיכ־טן מאיס־פעלד לאָזן זיי אים אַראָפּ, אָבער ס'איז שוין נישט דער פריערדיקער שיילקע, נאָר אַ גרויסער מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ. שיילקע שטייט און ציטערט און ווייסט

נישט וואָס ס׳טוט זיך מיט אים. די הייזשעריקן בוקן זיך פאַר אים און קלייבן אים אויס פאַר זייער קייסער.

— ניין! ניין! כ׳וויל בעסער זיין אַ גוט קינד! — כ׳וועל פאָלגן די מאַמען, כ׳וויל נישט ווערן אייער קייסער, איך



זענט שלעכטע, איך וויל זיין אַ גוט קינד — האָט שיילקע גערעדט פון שלאָף.

די מאַמע האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן שטערן.

שיילקע האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ באַדעקטער מיט שווייס.

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט, קינד מיינס? — האָט אים די מאַמע געפרעגט.

שיילקע האָט צוויי מינוט נישט געקענט אויסריידן קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער דערציילט דער מאַמען דעם גאַנצן חלום און איר צוגעזאָגט אַלץ צו פאָלגן, זיך אויפפירן גוט, אַבי נישט זיין מער קיין הישעריק.

דער מאַמען האָט דאָס אַביסל באַנג געטאָן און זי האָט באַשלאָסן מער דאָס קינד נישט רופן הישעריק.

דער הינער־גנב

פואַנסיטאָס טאַטע איז אומגעגאַנגען אַ צייט אָן אַרבעט. איינמאָל, ווען כואַנסיטאָ האָט זיך געשפּילט מיט די חברים אין פוטבאָל, האָט דער טאַטע זיינער אים אַוועקגענומען פון זיי און אים געזאָגט:

— הערסט, מיין זון, קיין אַרבעט איז נישטאָ, מיר מוזן פאַרלאָזן אונדזער שטעטל און גיין זוכן ערגעץ אַנדערש אַרבעט.

כואַנסיטאָ איז געוואָרן טרויעריק. ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין שטעטל, די חברים, — אַלץ איז אים געווען ליב, אפילו די אָרעמע ליימענע „ראַנטשע". (קיין באַמען האָט ער שוין לאַנג נישט געהאַט).

זיין טאַטע האָט געמאַכט אַ פּעקל; אַריינגעלייגט אַ

קאָלדרע, אַ פּאָר העמדער, אַ טשייניקל אויף מאַטע, אַ „באָמביזשע״ און אַ מאַטע, פאַרקלאַפּט זיין לײדיקע „ראַנטשע״ מיט ברעטער און אַוועק מיט כואַנסיטאָן צו דער סטאַנציע.

ס׳איז אָנגעקומען אַ פראַכט-צוג. כואַנסיטאָ מיטן טאַטן זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך פון אַ וואַגאָן וווּ ס׳זיינען געזעסן נאָך אַ סך אַרבעטסלאָזע.

די באַן האָט אַ הילכיקן פייף געטאָן און זיך אַוועק-געלאָזן אין וויטן וועג.

כואַנסיטאָ האָט זיך דערפילט פריי. אַ שטאַרקער ווינט האָט אויף זיי געבלאָזן און געלופּטערט זייערע אַלטע צעריסענע קליידער.

פאַר כואַנסיטאָס אויגן האָבן זיך אַנטפּלעקט ריזי-קע לאַנדשאַפטן. שוואַרצע צעאַקערטע פעלדער, פעל-דער מיט צייטיקע מאַיס-זאַנגען, ווייץ און ליאָן-זאַנגען. וווּ-ניט-וווּ האָט ער באַמערקט פאַשען זיך קי. שטיב-לעך, וואָס זעען אויס ווי פינטעלעך פון ווייטנס, און אָרע-מע לאַנדשאַפטן — „ראַנטשעס״ פון אָרעמע פּויערים.

ס׳האָט אים אָנגעהויבן הונגערן.

— כ׳וויל עסן, פּאַפּאַ! — האָט כואַנסיטאָ מיט אַ בע-טנדיקער שטימע געזאָגט.

— קענסט צוהונגערן אַביסל. דאַרפסט זיך צוגע-וווינען — האָט אים דער טאַטע זײַנער בײַז אָפּגעענט-פערט.

אַן אַרבעטסלאָזער „לינדזשעראַ" (וואַנדערנדיקער פעלד-אַרבעטער) מיט אַ באַוואַקסענער באָרד, אַן אַלט, צעקנייטשט פּנים און אַלטע, שמוציקע, פאַרלאַטעטע קליידער, איז געזעסן נעבן זיי און געהערט ווי כּאָנסי-טאָ בעט עסן. האָט ער זיך אַ דריי געטאָן און אַרויסגע-נומען פון זײַן פּעקל אַ שטיקל וווּרשט מיט אַ האַלב ברויט און אים דערלאַנגט.

כּאָנסיטאָ האָט אים געדאַנקט און געכאַפּט עסן. דער טאַטע זײַנער איז מיט דעם מענטשן געוואָרן היי-מישער און אים געבעטן אַ פּאַפּיראָס.

דער אַרבעטסלאָזער האָט אַרויסגענומען אַ בײַטע-לע מיט טאַבאַק, אַ שטיקל דינעם פּאַפּיראָס-פּאַפּיר, אויפגעדרייט אַ פּאַפּיראָס און דערלאַנגט כּאָנסיטאָס טאַטן.

כּאָנסיטאָ האָט געגעסן מיט אַפּעטיט דאָס ברויט מיטן וווּרשט. נאָכהער איז ער געזעסן דעם גאַנצן וועג אַ שווייגנדיקער. ענדלעך איז די באַן אָנגעקומען אויף אַ סטאַנציע, וווּ כּאָנסיטאָ מיטן טאַטן זײַנען אַראָפּגע-

קראָבן פון וואַגאָן, גענומען דעם פעקל אויף דער פּלייצע און זיך אַוועקגעלאָזן אין שטעטל אַריין. זיי האָבן זיך אומגעדרייט איבער די גאַסן, געזוכט אַרבעט און נישט געפונען. פאַרנאַכט האָט כּואַנסיטאַ דערפילט אַ שטאַרקן הונגער.

— כ'וויל עסן, פּאַפּאַ!

— נעם ביים פון מיר שטיקער, זעסט דאָך, אַז איך בין אויך הונגעריק.

כּוּאַנסיטאַ האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און געשוויגן.

ער איז קוים אַלט געווען צוועלף יאָר, נאָר ער האָט שוין געטראַכט ווי אַ גרויסער.

— די מענטשן זיינען שלעכט — האָט ער געטראַכט, זיי גיבן נישט קיין אַרבעט און העלפן נישט אַרויס.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. אין שטעטל האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פינצטערניש. די שטערן האָבן געפינקלט. דער הימל האָט אַראָפּגעקוקט מיט זיינע מיליאָנען אויגן.

כּואַנסיטאַ מיט זיין טאַטן האָבן זיך פאַרדוקט אין אַ ווינקל הינטער אַ „גאַלפאָן" וואָס איז געשטאַנען אַנט-

קעגן דער סטאַנציע, און זיך געלייגט שלאָפן אויפן הוילן גראָז אונטערן פרייען הימל. כואַנסיטאָס טאַטע איז פאַר מידקייט באַלד איינגעשלאָפן.

כואַנסיטאַ האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן און נישט געקענט קיין אויג צומאַכן. ס׳האָט אים גענאָגט דער הונגער.

— די מענטשן זיינען שלעכט, זייער שלעכט און איך בין הונגעריק — האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן.

די נאַכט האָט זיך גערוקט. דערנאָך האָט זיך דער-הערט דער ערשטער קריי פון אַ האָן.

כואַנסיטאַ איז געוואָרן פריילעך. זיינע שוואַרצע אייגעלעך האָבן אויפגעגלאַנצט. ס׳איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ער איז שטיל אויפגעשטאַנען און אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַנען ס׳האָט זיך געהערט דער קריי.

אַנטקעגן אַ שיין, גרויס הויז, האָט ער זיך אָפּגע-שטעלט. דאָס הויז איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַר-קאַן פון שטעכיקע דראָט. כואַנסיטאַ האָט דערזען אי-נעווייניק אַ הינער שטייג מיט הינער. פלינק איז ער

אַריבערגעקראָכן די שטעכיקע דראָט און זיך דערנענטערט צו דער הינער-שטייג. ער האָט אַ נעם געטאָן אַ הון, וואָס איז נאָך כמעט ווי געשלאָפן און געגומען מיט איר אַנטלויפן. פלוצים האָט ער דערהערט אַ שאָס. פון שרעק איז ביי אים אַרויסגעפאַלן די הון און ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן.

די הון איז אַנטלאָפן און כואַנסיטאָ האָט זיך געטרייסלט פון שרעק. אין דעם האָט ער דערפילט אַ שטייפע האַנט אויף זיין קאַרק.

— גנבענען הינער ווילסטו! דו וואַגאַבונד!

— נישט גנבענען... איך... הונגעריק געווען, צוויי טעג נישט געגעסן... אַן אַלטן טאַטן... אַרבעטסלאָז... ס׳איז דאָס ערשטע מאָל. גוטער מענטש פאַרגיב מיר — האָט כואַנסיטאָ אין שרעק אַרויסגעשעפטשעט די ווערטער.

— פוילענצער, גנבים, וואַגאַבונדן, האָבן זיך אויף אונדז אָנגעזעצט און לאָזן נישט לעבן. איך וועל אייך ווייזן צו גנבענען! — האָט יענער מענטש זיך צעשריגן.

ער האָט אים אָנגענומען פֿאַרן קאַרק, אים אַ הייב געטאָן אין דער הויך און אַ שלײדער געטאָן איבערן פֿאַרקאַן.

דער קליינער מאַיס־רייסער

טיטאָס פֿאַמיליע ווינט הינטערן שטעטל אין אַ קליינער „ראַנטשע״.

דאָס שטיקל פּלאַץ מיט דער „ראַנ־טשע״ האָט נאָך זיין טאַטע אָפּגע־שפּאָרט פֿון די „גוטע״ צייטן.

זיי האָבן אַ גערטנדל, אַ פּאָר טויז הינער, וואָס לייגן

זיך און אַ ביסל קראַליקלעך. אויסער דעם האָט טיטאָ אַ סך ברידערלעך און שוועסטערלעך. ווען מען פרעגט אים: „וויפל ברידער און שוועסטער האָסטו?"

הייבט ער אָן ציילן אויף די פינגער:

— גיזשערמאָ, עסטעוואַן, כואַנסיטאָ, מיגעליטאָ, כאָסע, מאַרגאַריטאַ, עלוואַ, כאָסעפאַ... ער פאַרפּלאָנטערט זיך און הייבט ווידער אָן איבער אַ נייס און קען קיינמאָל נישט איבערציילן.

טיטאָ איז אַ שוואַרצער אויפן פּנים, מיט שוואַרצע סאַמעט האָר. ער איז דער קלענסטער אין דער פאַמיליע, קוים ניין יאָר אַלט.

זומער-צייט פאָרט טיטאָ מיט זיין טאַטן כאַפּן פיש אין דער אָזערע. אַביסל פאַרקויפן זיי און אַביסל בלייבט פאַר דער פאַמיליע. אויך פאָרט ער מיט זיין טאַטן שיסן קוראָפּאַטוועס אין פעלד. אָט פון דעם מאַכן זיי אַ לעבן.

אַנדערש איז ווען ס'קומט דער מאַיס-שניט. די גאַנצע פאַמיליע דינגט זיך דעמאָלט אָן צום רייסן מאַיס. אַלע קלייבן זיך אַריבער אין דער „טשאַקרע" איבערן מאַיס-שניט.

היינטיקס יאָר איז דער מאַיס-שניט אַ געראָטענער. רעגנס האָבן נישט געפעלט, קוקן אַרויס די מאַיס ביימן מיט געלע אָנגעפילטע זאַנגען. שטשירען אויס די געלע ציין און לאַכן צו יעדן פאַרבייגייער:

— איר וועט אונדז רייסן,

וועט איר האָבן אויף צום בייסן.

טיטאָ מיט זיינע טאַטע-מאַמע, ברידער און שוועסטער, האָבן זיך אָנגעדונגען אין אַ „טשאַקרע" צו רייסן דעם מאַיס.

קוים האָט דער האָן געגעבן דעם ערשטן קריי, די זון איז אַרויס פון איר באַהעלטעניש און אַ וואָרף געטאָן איר ערשטן בליק אויף די מאַיס-ביימן, האָט שוין טיטאָס טאַטע געוועקט צו דער אַרבעט.

טיטאָ איז אויפגעשטאַנען דער ערשטער, נאָך אים האָבן זיך אָנגעטאָן די איבעריקע. מען האָט אויסגעטרונקען עטלעכע מאַטעס און זיך באַלד גענומען צוגרייטן צו דער אַרבעט. דער טאַטע האָט אַלעמען געגעבן לאַנגע זעק אָנצוטאָן אויף זיך. טיטאָ האָט געטראָגן לאַנגע הויזן. איבערן קאָפּ האָט ער אָנגעטאָן אַ

רימען מיט אַ לאַנגן זאַק, האַלב פון לעדער, האַלב פון שטאַרקן לייוונט. טיטאָן איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן, ער איז אומגעלאָפן מיטן זאַק וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפט צווישן זיינע פיס.

זיי זיינען אַוועק צו די מאַיס־פעלדער.

דער טאַטע האָט געוויזן ווי מען רייסט. ער איז געגאַנגען דער ערשטער און נאָך אים — אַלע, צעשפּרייטע איבער די מאַיס־בייטן.

אַלע מיט נאָדלען אין די הענט האָבן געשטאָכן די מאַיס־זאַנגען, אָפּגעריסן און געוואָרפן צו זיך אין זאַק אַריין. ווען ס׳איז געוואָרן אָנגעפילט האַלבע זעק, האָבן זיי עס גענומען און אַריינגעשאָטן אין גרויסע זעק. ספּעציעל פאַרן מאַיס.

טיטאָ האָט זיך צוגעכאַפּט צום מאַיס רייסן ווי צו הייסע לאַקשן און אַזוי ווי ער איז נאָך נישט געוווינט געווען צו דעם, האָט ער זיך צעשטאָכן די הענט. ער האָט אַ שפּיי געטאָן:

— שלעכטע, וואָס איר זיינט! וואָס שטעכט איר מיך!

ס׳האָט ביי אים גערונען בלוט פון די צעשניטענע

פינגער, ער האָט זיך אָבער נישט געמאַכט ווִיסנדיק און ווייטער געריסן.

פאַרנאַכט האָט ער קוים געהאַט אָנגעריסן אַ זעקל מאָיס. ער האָט דעם טאַטן זיינעם פון די צעשטאָכענע הענט נישט דערציילט, נאָר מיט פרייד אים געוויזן דאָס אָנגעריסענע זעקל.

אין אָוונט האָבן זיי געטרונקען מאַטע אין הויף פון „טשאַקרע". זיינע טאַטע־מאַמע האָבן געשמועסט מיט די קאָלאָניסטן, נאָר ער איז באַלד אַוועק שלאָפן אין אַ „גאַלפּאָן" וואָס דער „טשאַקאַרעראָ" האָט געהאַט.

ביינאַכט האָבן זיך אים געוויזן אין חלום וונדער־לעכע זאַכן:

אָט שטייט ער מיט אַ ווענטקע און כאַפּט פיש. ער וואַרפט ברעקלעך ברויט אין וואַסער. די פישעלעך קומען זיך צענויף. ער כאַפּט אַ סך און טראָגט אַוועק אַהיים. און אָט איז ער מיט דער גאַנצער פאַמיליע ביים מאָיס רייסן. ער רייסט פלינק און לאַכט פון גיזשער־מאָן, וואָס צעשטעכט זיך אַלע ווײַלע די פינגער ביז בלוט.

זעסט — ווייזט ער אים די הענט — איך צעשטעך זיך גאָרנישט.

ער סטאַרעט זיך איבעריאָגן זיין עלטערן ברודער. עס דערגייט אים שוין צו צוויי זעק. זיין ברודער קוקט אויף אים מיט כעס. באַלד פאַרטשעפּעט ער זיך אין אַ קאַרעניע און פאַלט אום. איין פולער זאַק מיט מאַיס קערט זיך איבער אויף אים און דריקט אים שטאַרק צו. ס׳ווערט אים שווער, דערשטיקט צו ווערן. אים דוכט זיך, ווי ער פאַלט אַראָפּ אין אַ טיפן אָפּגרונט און דער זאַק שטיקט אים, שטיקט אים. ער גיט אַ געשריי:

— מאַמע!

די זון האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסגיין פון איר באַהעלטעניש. אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט.

— וואָס האָסטו געשריגן? — האָט די מאַמע געפרעגט טיטאָן.

אַ פאַרשעמטער האָט טיטאָ געקוקט אויף דער מאַמען.

— ס׳איז מיר שוין בעסער. ס׳איז מיר אַ סך גרינגער, היינט וועל איך אָנרייסן צוויי זעק מאַיס, כאָטש עס שמאַרצן מיר די הענט נאָר כ׳וועל אָנרייסן...

די מאַמע האָט אים געגלעט איבערן קעפּל און געזאָגט:

— ס׳וועט איבערגיין מיין קינד, וואָס זאָלן מיר טאָן,
וואָס זאָלן מיר טאָן, מיין קינד...

זיי זיינען ווייטער אַוועק רייסן דעם מאַיס...

אַז שיך

דער האַרבסט איז אָנגעקומען אַ טרויעריקער. די טעג כמאַרנע. אַלע צוויי טעג אַ נייער רעגן. דאָס קליינע שטעטעלע איז געוואָרן פאַרזונקען אין אַ שטענדיקער בלאָטע. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט געלע בלעטער.

דער מאַיס אויף די אַרומיקע פעלדער האָט געפוילט, צוליב די אָפטע רעגנס האָט מען אים נישט געקענט קלייבן.

אַלבערטאָס טאַטע איז אומגעגאַנגען אַ פאַרטרויערטער. ס'זיינען שוין אויסגעגאַנגען די לעצטע פּאָנדן און קיין קרעדיט האָט מען נישט געוואָלט געבן. אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן צוהונגערן אַביסל. גאַנצע טעג פלעגט מען איבערקומען מיט אַ בלויזער מאַטע.

אַלבערטאָ, אַ דאַר צען יעריק יינגל איז שוין צו דעם אַלעמען געווען צוגעוווינט. עס האָט אים אפילו נישט געאַרט. אָפטער פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו אַ חבר און עסן מיט אים צוזאַמען. מיט איין זאַך איז אים אָבער געווען שלעכט — ער האָט נישט געהאַט קיין שיך צו גיין אין שול. די אַלטע „סאַפּאַטיזשעס" האָט מען שוין מער נישט געקענט אָנטאָן, אַלע פינגער זיי־נען אַרויסגעקראָכן.

אַלבערטאָ איז געבליבן אין שטוב.

ווי טרויעריק ער האָט זיך דאָס געפילט די ערשטע צייט; געבענקט נאָך די חברים. נאָך דער שול. נאָך די לערער. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען די לאַגע אין הויז און נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין צער די עלטערן.

אַלע טאָג צוועלף אַזייגער, פלעגט ער אָפּוואַרטן בײַ דער טיר די קינדער פון זיין גראַד און זיי אויספרעגן וועגן וואָס מען האָט געלערנט. אייניקע חברים פלעגן אָפטער קומען צו אים און מאַכן צוזאַמען די לעקציעס. אַלבערטאָ איז זיי זייער דאַנקבאַר געווען.

דער האַרבסט האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם. געקראָכן ווי אַ שלאַנג. די טעג אַזעלכע פוילע, אומעטיקע. דער הימל האָט זיך געלייגט ווי אַ שטיק שווערע בליי

אויף אַלבערטאָס קאָפּ און אין קאָפּ ביי אים האָבן זיך געפּלאָנטערט:

— ווען וועט ער האָבן שיך?

— ווען וועט ער קענען גיין אין שול?

די לערערקע פון זיין גראַד פלעגט זיך אַלע מאָל פרעגן ביי די קינדער, ווען קומט אַלבערטאָ? — די קינדער האָבן איר דערציילט, אַז אַלבערטאָ האָט נישט קיין שיך.

איינמאָל רופט זיך אָן די לערערקע צו די קינדער: אַזוי ווי אַלבערטאָ איז אַ גוטער שילער און מען טאָר נישט דערלאָזן ער זאָל פעלן אין שול. מען דאַרף זיך צוזאַמענלייגן און אים קויפן אַ פּאָר שיך.

די קינדער פלעגן אַלע טאָג ברענגען אין שול צו צען סענט, ביז עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סומע פון געלט, דעם באַטרעף פון אַ פּאָר שיך, אַ גרופּע קינדער צוזאַמען מיט דער לערערקע זיינען אַוועק און געקויפט פאַר אַלבערטאָן אַ פּאָר שיך.

אַלבערטאָ ווי שטענדיק, פלעגט אָפּוואַרטן די קינדער ווען זיי זיינען געגאַנגען פון שול, זיי זאָלן מיט אים מאַכן די לעקציעס, נאָר דאָס מאָל איז געשען עפּעס

אַנדערש. די קינדער האָבן אים געבראַכט אַ פּאָר נייע שיך.

אַלבערטאָ, פון גרויס דאַנקבאַרקייט, האָט ארומ־געבאַפּט די קינדער און מיט טרערן אין די אויגן זיי שטאַרק געקושט.

פון דעמאָלט אָן האָט אַלבערטאָ אָנגעהויבן גיין צוריק אין שול און זיך געלערנט זייער פלייסיק.

חיימל און די שעפּסעלעך

גיך איז חיימל געפלויגן מיט זיין פערדל אַהיים. עפּעס אַ קלייניקייט! ער האָט דאָך היינט געקראָגן אַזעלכע גוטע מיינונגען פון זיין לערערקע. וואָס פאַראַ פרייד וועט דאָס זיין בײַ זיינע טאַטע-מאַמע ווען ער וועט זיי דאָס ווייזן.

חיימל האָט געשלאָגן, זיין פערדל וויפל ס׳איז אין אים נאָר אַריין. פעלדער זיינען אים געלאָפן אַנטקעגן, פעלדער זיינען צוריקגעלאָפן, הינטער אים זיינען געבליבן וואָלקנס שטויב.

אָט זעט מען שוין אַרויס בערל זעמליאַקס „טשאַקרע״, אָט איז דוד זייטשיקס שטוב, מיט די גרויסע פענצטער און אָט פאַרדרייט זיך אַ וועגעלע וואָס פירט צו זייער „טשאַקרע״. זייער ערדענע הייזקע זעט אויס

אַנטקעגן דוד זייטשיקס שטוב ווי אַ לעמעלע קעגן אַ וואָלף.

אַריינגעקומען אין הויף איז אים אַנטקעגן געלאָפן „פּאַנטשאָ", זייער הונט. חיימל טאַנצט אַראָפּ פון פערד און לויפט גלייך אין שטוב.

דאָס מאָל האָט ער געטראָפן אין שטוב אַנדערש ווי שטענדיק. ס'איז געווען אָנגעוואָרפן, נישט אויפגעראַמט. זיין טאַטע האָט אומגעשפּאַצירט הין און צוריק מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן. די מאַמע האָט געהאַלטן אַ זאָק אין צידרעווען און געקוקט דורכן פענצטערל אין דרויסן אַרויס.

חיימל האָט געהערט ווי זיין טאַטע זאָגט צו דער מאַמען:

— „געגאַנגען אין באַנק, אין „אַלמאַסען", ביים תבואה-סוחר — און ביי קיינעם נישט געקראָגן קיין סענט, אַז ווו אַ לאַך איז פאַרשטאָפּט מיט חובות און „היפּאָטעקעס" און די פּראָצענטער וואַקסן און וואַקסן. מער וויל מען נישט באָרגן, כאָטש גיי הענג זיך אויף און אַן עק".

די מאַמע קרעכצט, ווישט זיך די אויגן מיטן פאַר-טעך. זי זאָגט צום טאַטן:

— „אַ צייט, אַ צייט דערלעבט, אַז אַלץ גייט מיט די פוטער אַראָפּ. פאַר צוויי יאָרן איז געקומען די שוואַרצע פעסט, דער היישעריק, און אַלץ אויפגעפרעסן און פאַראַיאָרן איז געווען אַ טריקעניש און די גאַנצע האָ-רעוואַניע האָט געמוזט גיין צום שוואַרצן יאָר. דעמאָלט האָבן זיי אונדז אָנגעבאָטן קרעדיט, און היינט, ווען עס איז שוין אַלץ פאַרמשקנט, ווען זיי האָבן שוין אונדזער גאַנץ בלוט אויסגעצאַפּט, ווילן זיי מער נישט געבן".

הימל איז שטיין געבליבן ביי דער טיר ווי אַ דער-שלאָגענער. ער פאַרשטייט אַז מען האָט היינט געטאָן עפּעס אַן אומגערעכטע זאַך קעגן זיין טאַטן. ס'קלעמט אים ביים הערצעלע. ער וואָלט זיך געוואָרפן שלאָגן, ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט. זאָלן זיי נאָר קו-מען...

ס'איז אים צערונען געוואָרן די גאַנצע פרייד. ער פאַרשטייט, אַז ערשט איז נישט דער פּאַסיקער מאָ-מענט ווייזן זיין טאַטע-מאַמע די מיינונגען, וואָס די

לערערקע האָט אים געגעבן. ער גיט זיך אַ דריי אויס און גייט אַרויס אין דרויסן צו פֿאַנטשאָן.

פֿאַנטשאָ דרייט מיטן עק און קוקט צו אים מיט אַזעלכע טרויעריקע אויגן.

— וואָס זײַנען דאָס היינט אַלע אומעטיק? — פֿרעגט זיך חיימל.

ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ קלעצל, וואָס שטייט לעבן הונטסביידל. ער רופֿט צו זיך פֿאַנטשאָן.

פֿאַנטשאָ ציט זיך אויס אויף דער ערד, פֿאַרוואַרפֿט די פֿאָדערשטע לאַפּעס אויף חיימלס קני און שטעקט אַרויס די צונג.

— הער, פֿאַנטשאָ — זאָגט חיימל צום הונט — איך האָב היינט געקראָגן די בעסטע מיינונגען אין מײַן קלאַס. ווילסט זען?

ער נעמט אַרויס דאָס ביכעלע וואָס די לערערקע האָט אים געגעבן און לייענט:

— „חיימל איז זייער אַ פֿעיִקער שילער און לערנט זיך זייער גוט" — פֿאַרשטייסט מײַן פֿאַנטשאָ. פֿאַרוואָס גייסטו נישט אין שול? וואָלסט אויך געקאָנט קריגן אַזעלכע מיינונגען.

חימלס טאַטע באַמערקט ווי ער שפּילט זיך מיטן הונט, צעשרייט ער זיך אויף אים:

— וואָס פּאַרא שפּילן זיך מיטן הונט אינמיטן הרי-גען!

גיי טרייב צענויף די פערד, טרייב אַריין די שעפּסן און גיב טרינקען די בהמות!

ווי אַ פאַרשולדיקטער גייט חימל אַוועק אין פעלד אַריין.

ביינאַכט, ווען חימל איז שוין געלעגן אין בעט האָט ער ווייטער געהערט ווי זיין טאַטע־מאַמע דיס־קוטירן צווישן זיך. זיין טאַטע שעלט מיט טויטע קללות די אַדמיניסטראַטאָרס פון די פּריצישע קאַמפּן.

— אָט די פּאַראַזיטן האָבן זיך דאָס אָנגעלייגט אויף אונדז, און ווילן אויסזויגן דאָס גאַנצע בלוט!

ער רעדט אַזוי לאַנג ביז ער פאַרהוסט זיך. דאַן מישט זיך אַריין די מאַמע מיט איר וויינענדיקע שטי-מע.

— אפשר זאָלן מיר פאַרקויפן צוויי „זשונטעס" שעפּסן, אַ פּאָר פערד? ביז צום אַקערן וועלן מיר קויפן

אַנדערע. צו וואָס דאַרף מען אומזיסטע עסערס, אָדער אפשר עטלעכע בהמות. מען דאַרף נאָר די עטלעכע מאָנאַטן אַריבער שטופּן ביז ס'וועט צייטיק ווערן דער שניט; וואָס זאָל מען טאָן? — אַז מען קען נישט אַרי־בער מוז מען אַרונטער.

דער טאַטע גיט אַ מאַך מיט דער האַנט.

— און אַז דו וועסט אַראָפּנעמען דעם שניט איז דאָס דען דיינע? ס'איז דאָך שוין לאַנג פאַרזעצט ביים סוחר...

מער האָט שוין חיימל נישט געהערט וואָס מען האָט גערעדט. ער איז איינגעשלאָפן.

ביינאַכט האָט זיך אים געחלומט ווי עס האָבן אים אַרומגערינגלט די שעפּסעלעך, געמעקעט און שטאַרק זיך געבעטן מען זאָל זיי נישט פאַרקויפן צום קצב. פאַנ־טשאָ האָט זיי געהיט און געבילט אויף זיי. מיטאַמאָל זעט ער, ווי עס קומט צו פאָרן אַ קצב און בינדט אַלע שעפּסעלעך און פירט זיי אַוועק. פאַנטשיטאָ לאָזט זיך מיט אַ רציחה צום קצב און האַוועט שטאַרק...

חיימל האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער איז צוגעלאָפן

צום פֿענצטער. ווי גליקלעך האָט ער זיך דערפֿילט ווען ער האָט דערזען ווי די שעפּסעלעך פּיטערן זיך ווי שטענדיק. פֿאַנטשאָ איז געשטאַנען לעבן טיר און גע־האַווקעט מען זאָל אים אַריינלאָזן אין שטוב.

פרעמדע ווערטער

פלאַסע — בולוואַר.

מאַטע — אַזאַ טיי, נאַציאָנאַלער געטראַנק אין די זיד - אַמעריקאַנער לענדער.

מאַטע — ווערט אויך אָנגערופן די כלי פון וואָס מען טרינקט.

סאַפּאַטיזשע — אַ שטעקשוך.

ראַנטשע — אַ פעלד-שטיבל.

זשונטע — אַ פּאָר.

אַלמאַסען — שפּייז - קראָם.

היפּאָטעקע — משכון.

טשאַקרע — כוטער, פאַרמע, אַ פויעריש הייפל אין מיטן פעלד.

מאיס — קוקורוזע.

גאַלפּאָן — שפּייכלער.

טשאַקאַרעראָ — פּויער.

באָמבישע — אַזאַ רערל מיט וואָס מען טרינקט די מאַטע.

קאָסעטשע — שניט.

באָקא - זשוניאָרס — אַ נאָמען פון אַ ספּאָרט-קלוב.

ריווער — אַ נאָמען פון אַ ספּאָרט-קלוב.

ענקאַנטאַדאָ דע לאַ ווידאַ — צופרידן פון לעבן.

אַמיגאָ — פריינט.

וואַמאָ — קום.

אָלרייט — אין ענגליש: זייער גוט.

פּליאַזשע — ים-ברעג.

פּאָווערסיטאָ — אָרעמינקער.

וועלטע — אומקרייז.

קוקו — אַ וואָרט מיט וואָס מען שרעקט קליינע קינדער.

אינהאַלט

אין שול

	זייט
אָנהייב שול־יאָר	9
דאָס מייזעלע	14
דאָס הינטעלע	18
דאָס שפּיגעלע	23
געאָגראַפיע	27
מענטשעלעך	29
דער זאַמלהעפט	34
„מאָטל פּייסי דעם חזנס"	41
אַ נאַרישער איינפאַל	47
„קוועקזילבער"	52
לאַכן איז געזונט	56
זאָל לעבן „באָקא זשוגיאָרס"	60
אַ צעבראָכענע שויב	64
עקזאַמענעס	67
וואַקאַציעס	73
דאָס מיידעלע יענטל. וואָס שרייבט מיטן לינקן הענטל	84
איטשע קאָזאַק	87
דער ווייסער פאַרטעך	90
אַ געגנבעטע ביכל	94

די הײם און די גאַס

	זײט
מענדעלע פֿאָדערט זײַן לױן	103
די קאַרוסעל	106
„דער פּעטער שלמה"	110
דער פֿאַרשטערטער געבורטסטאָג	115
דער קלײנער דאָקטער	121
גיטעלע און אסתּר	127
דאָס טעלערל פֿון הימל	131

הימל און ערד

דער פֿרילינג און יאַנקעלעס חלום	139
דער האַרבסט און די גריפּע	146
די זון, דער רעגן און דער װינט	152
אַ שײנער טאָג	156
װי אַזױ די גראָזן און בלומען האָבן דעם װינטער בײַגעקומען	161

פֿײגל, חיות און אינזעקטן

אַ מעשה פֿון אַ בושל	171
דאָס קעצעלע װאָס טרינקט מילך פֿון אַ טעצעלע	176
דאָס קראַנקע העזעלע	181
דאָס יעגער ײנגל און דער הונט	186
דער קאָמאר פֿון זומפּ	189
דער פֿײגל-שרעקער	197

אין קאָלאָניע

	זייט
שײלקע װיל ניט װערן קײן הײשעריק	205
דער הינער־גנב	210
דער קלײנער מאיס־רײסער	217
אַן שיך	224
חײמל און די שעפּסעלעך	228

דערשינען אין בוענאָס אײרעס — אַרגענטינע
אין מאָנאט סעפּטעמבער, 1947. אין דער
דרוקערײ „אָפּטימוס",
װאַלענטין גאָמעז 2719.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR
EL DIA 24 DE SEPTIEMBRE DE
1947, EN LOS TALLERES
GRAFICOS "OPTIMUS"
V. GOMEZ 2719
Bs. Aires